# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Seyfer zikhroyneŝ

**Psantir, Iacob**
**בקעי ,רתנספ**

**Buḳaresht, 650 = 1889**

לעיזא רעטסעראקוב ןיא ןעבראטשעג ןינעז סאוו טייל עטלא איד ןיפ עיגאלארקענ.


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

איינע פראגע איז דא צו בעמערקען צו וואס האבען מיר געדארפט שרייבען אזעלעכע טויטענפעללע וואס איז שוין געשריע־בען אין אינזערע הייליגע ספרים נאך מיט טויזענטיר יאהר צוריק. איינס איז צו ווייזען אז איך האב קיין נייעס ניט אויפגעטאהן, נאר וואס דענן איז דער חילוק. די תורה האט געשריעבען נאר פון דעם הויכען שטאנד פון מלכים ושרים. און מיר שרייבען פון אלטע ארימע לייטע. דאס איז אבער דערפאר, ווייל איך בין איינער פון די ערשטין גרינדער דעס פעראיינס בתי מחסה לזקנים. און איך בין ניט אבגעשטאנין פון מיין ארבייט ביז און היינטיגען טאג. דאס ערשטע געלד האב איך געזאממעלט אויף דעם פלאץ וואס מען האט צים ערשטין געקויפט. און איך האב ר' וואלף מיכאלאוויטש געמאכט פאר קאסירער אום דאס פאראיין זאלל ניט פאללען. און איך האב מיינע אלטע ביינער ניט געשוינט ביז איך האב געזעהין אויסגעבויעט די הייזער און אריין גענעמין אלטע מענטשין. און איך האב די אלטע לייט צוגעזעהין אזוי וויא אפאטער זיינע קינ־דער אויך בא זייער קרענק און אויך בא זייער טויט אזוי וויא מיינע ליעבע לעזיר וועלין זעהין אין דער געשיכטע פון דעם צווייטען טהייל דייטליך באשריבען מיט גדריקטע דאקומענטע. דארום איז די געשיכטע בא מיר הייליג. און דערפאר האב איך פער־גלייכט די אלט לייטע וואס זענין געשטארבען אין אינזער אזיעל צו די מלכים ושרים וואס אינזער הייליגע תורה האט מיר אהן געוויזען.

---

## נעקראלאגיע פון די אלטע לייט וואס זענין געשטארבען אין בוקארעסטער אזיעל.

### שנת תרמ"ב 1881.

1. באבע פאיע ראם נפטרה עשרה בטבת שנת תרמ"ב ונקברה י"ב בו 20 דעצעמבער 1881 בת שמונים לימי חייה.

די באבע פאיע איז געוועהין די ערשטע וואס מען האט זיא אויפגענעמען אין בתי מחסה לזקנים אין די ערשטע וואס זיא איז געשטארבען אין אינזער אזיעל. די באבע פאיע איז געוועהין איינע קארפאלענטע פרויא הויך געוואקסען און דיק אים קערפער און פעטט אויף דעם לייב, זיא איז תמיד געוועהין ריין געקליידעט

אין אויף איהר ריין בעטשטציינ געשלאפען. נאך איינגע חדשים נאך איהר אויפנאהמע איז זיא צו בעט געפאללען און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען אדער ארומגעגאנגען. זיא האט זיך פאר איהר געלד גערינגען איינע אלטע פרויא זיא זאל זיא באדיענען אין דער קראנק. זיא איז געלעגען איין פאר חדשים. איינגע טאג בעפאר איהר טויט האט זיא אנגעהויבען צו וואנדערן פון איין בעט אויף דעם אנדערן ביז זיא איז צום צווייטען בעטט געקומען האט זיא זיך געקאטשעט אויף דער ערד ווייל זיא האט ניט גערקענט אויף דעם בעט ארויף שטייגען פלעגט זיא בלייבען ליגען אויף דער ערד. דיא אלטע פרויא וואס זיא האט זיא באדיענט האט זיא ניט געקענט אויפהעבען ווייל דיא באבע פאיע איז געוועזען זעהר איין שווער מענטש, מיט שווערער מיה פלעג איך מיט מיין ווייב זיא אויף איהר בעט ארויף לעגען און אזוי האבען מיר זיך מיט איהר געטראגען בייא טאג און בייא נאכט ביז זיא איז געשטארבען מיט איין שווערען ביטערען טויט, איהר צירה איז אין גאנצען פארביטען געווארען ניט צום דערקעננען.

## 1882.

2. יעקב גאלאנטאן נפטר ט"ז שבט תרמ"ב ונקבר י"ז בו 24 יענער 1882 בן שבעים לימי חייו.

יעקב גאלאנטאן אז מען האט איהם אריינגענומען און איזן איז ער געוועזען בא דיא גאנצע מענשליכע געוויסען און איין קורצער צייט בעפאר זיין טויט האט ער זיין גאנצען שכל פערלוירען און האט גערעדט פיסטע רעד און שוין ניט געוועזען ריין און דער מענטשליכער נאטור, מיר האבען שוין געמיסט איין מושאמא אינטער לעגען אויף זיין בעטט און שיהל בא דעם דאונין האט ער געלאזט דיא השתנה איך האב איהם געמיט פארביטען און שיל אריין צו קומען. מיר האבען מיט איהם פיעל מיה געהאט דאריך זיינט אונריינליכקייט און מיט דער אבוויבונג איז ער געשטארבען.

3. בלימא קיפערנוז נפטרה כ"ח שבט תרמ"ב ונקברה כ"ט בו 5. פעבער 1882 בת מאה וחמישה לימי חיה.

בלימא קיפערנאז, ווער עס האט דאס מענטש ניט געזעהין האט קיין לעבענדיגען אנטיקלעכין מענשענקערפער אויף דער וועלט ניט געזעהין. זיא איז געוועהין אין דער גרעסע וויא איין קינד פין 3 יאהר זיא האט אויף זיך ניט געהאט איין דרעם פלייש נאר ביינער אנגעהילט אין איין מענשענהויט גאר קיין שום מיני עסין אויף דער וועלט האט זיא ניט באניצט זיא האט גאר ניט געגעסין נאר בראנ־פען האב איך איהר געגעבען אלרע שעה איין קליין גלעזעלע. איין שטארק קול צים רעדען האט זיא געהאט אין איהר מויל האט געקלינגען אזוי וויא אגיטער גלאק ויא איז טאג אין נאכט אין בעט געלעגען אין נאר אין איהר וויים העמדעל אנגעטאהן אזוי וויא אקליין קינד אין אוויגעלע. ארויסגעהען וועגען דעם מענשליכען נאטור האט זיא ניט בעדארפט וויל זיא האט ניט געגעסען נאר וואסער אבשלאגען פלעג זיא מיין ווייב אראפ נעמען אויף דיא הענד אזוי וויא איין קליין קינד. אין דער נאך זיא צוריק אין בעטט אריין לעגען. 6 וואכען איז זיא געלעגען אין איז גע־שטארבען מיט זעהר איין גרינגען טויט, 5 מינוט פאר איהר טויט האט זיא געטרינקיין איהר פארציע בראנפען אין איז אנגעשלאפען אויף עוויג. זיא איז געשטארבען, אין חנא קיפערנאז איז געבליעבען איינגער אלמן. חנא מיט זיין ווייב בלימא זענען געוועהין דיא עלטעסטע מענשען אונטער דער יודישער געמיינדע אין בוקארעשט אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געוועהין איין מעננערשניידער אין אויף דער עלטער האט ער ניט געקאנט זיין מלאכה פיהרען איז ער ארום געגאנגען אין דיא הייזער בעטלען תמיד פלעגען זייא ביי־זאממען געהען ער מיט דעם ווייב, אין דיא וועלט פלעג זייא מעהר אינטערשטיצען אין געבען איין נדבה גיכער וויא אנדערע ארעמע לייטע

---

אים יאהרע 1881 אז מיר האבען געבויט דיא ערשטע 9 שטיבער האט מען בעשלאסען אויף צי נעהמען איינצעלנע אלטע מענשען מעננער באזונדער אין פרויען באזונדער דיא ניט פערהיי־ראטהעט זענין אין אזוי האט מען אויפגענעמען 6 פרויען אין 10 מעננער מיט דעם באדינג אז קיין עסין גיט מען ניט. נאר צימער

ווּעשׁ. בעלייבטונג. האלין אין איין דיענסט זאלל דאס הויז בעדיעַ־
נען. נאך פסח, סאנט געארגע 1881 האט מען דיא מענשען. אויף־
גענעהמען. אין איינגע חדשים ארים האבען מענטשין אנגעטראגען
אז מען זאלל אויף נעהמען אין אזיל דאס אלטע פאאר פאלק
קיפערנוי, האט דאס קאמיטעט ניט געוואלט נאכגעבען דורך מעה־
רערע געגענשטענדע, איינס איז געוועזען געגען דעם פרינציפ אז מאן
אונד ווייב דארף מען ניט אויפנעהמען אין אזיעל, אין דאס צווייטע
איז אז מען דארף זייא פארזארגען מיט עססען אין טרינקען אין
איינקינפטע זענין נאך ניט דא, דאס דריטטע איז מען דארף פין
זייערטוועגען אלליין אדיענסט האלטען אין דאריך דיא פונקטע
קענן מען זייא ניט אויפנעהמען טראץ דיא אללע פונקטען וואס
זענין אין וועג געשטאנען אין האבען פארהאלטען דאס אלטע פאאר
פאלק אין אזיעל אויפצונעהמין, האבען זיך געפינגען צווייא שפּאַ־
ניאלען אין בוקארעסט איינער משה קאאלי אין ר' אברהם חיים
אבוהב. דיע צווייא פרענקען האבען קאנטראקטירט מיט יונ־
זער קאמיטעט אז זייא וועלען געבען אללע הוצאות וואס מען וועט
דארפען פין זייערטוועגען, פערצעהרען אין מען זאלל זייא אויפנעה־
מען אין אינזער אזיל, נאר אבער אין דיא נייע שטיבער קאן מען
זייא ניט אריין נעהמען, זאלל מען זייא מאכען פלאטץ בייא מיר
אין דער אלטער שטיב וויא איך זיטץ איז דא איין קאמער זאלל
מען זייא דארט מאכען צווייא בעטליך אין איך זאלל זייא דארט
פארזארגען, אין מיין ווייב איז דארויף באלד באשטאנין זיא האט
געזאגט אז זיא וויל דיא מצוה פארדיענען מיט דיא צווייא אלטע
לייט דיא צווייא פרענקען האבען שוין באלד געלד געגעבען אין
עס איז שוין באשאפען געווארען צווייא בעטליך מיט בעטטצייג
אללעם נייא, אין דיא פרענקען האבען נעקויפט נייע בגדים פיר
ביידע אלטע לייט פין איין העמד ביז אין איין אייבערשט מלביש
אין מען האט מיר געלד נעגעבען איך זאלל נעמען איין וואגען
אין זאלל זייא ארויסנעהמען פין זייער באדעי דארט וויא זייא
זענין געלעגען אין זאלל זייא פיהרען אין באד אריין.

איך האב דיא צייט ניט פארזאמט אין האב גענעמען איין
בירזשע אין בין ציגעפאהרען צי דעם ארט וויא דיא צווייא אלטע

לייט האבען זייערע אלטע יאהרען ציגעבראכט. אינטער דער קירבע דאבראטעאסא איז בייא איין קריסט געוועהין איין אלטער בארדעי איין גריב אין דער ערד ציגערעקט מיט ברעטער און אויף דיא ברעטער ציגערעקט מיט ערד אין דערינען איז געוועהין איין לאנג בעטט פין ברעטער אויסגעשפרעט מיט שטרוי און דיא אלטע בלימא קיפערנוז איינע אלטע פרויא איבער דיא הינדערט יאהר איז גילעגען אויף דיזים שטרוי אין שמאטים איינגעוויקעלט אין דער אלטער חנא קיפערנוז איין אלטער מאנן אויך איבער דיא הונדערט יאהר איז ארים געגאנגען נעבען בעט און האט זיין אלט ווייב באדיענט. דער גאנצער גריב איז געוועהין אינוועגדיג דעקארירט מיט לויטער שפינוועבס וואס עס האט אראב געהאנגען פין דער סטעלע. פין דער טהיר ביז צים בעט בין איך געגאנגען צווישען לויטער שפינוועבס, דאס בעט איז געוועהין באהאנגען מיט אזעלכע דעקאראציאנען אין דיא פאבריקאנטען פין דעם זיידענשטאף האבען תמיד פרעהליך געמאכט דיא צווייא אלטע לייט מיט זייער ארים לויפען אויף דיא טראלדען ארופ און אראף. פין דער טהיר ביז צים בעט בין איך געגאנגען צווישען שטריק פין שפינוועבס געפלאכטען ביז איך בין געקימע צים בעט. הער איך אין קול פין דער אלטער פרויא זיא שרייט צי איהר מאנן: „חנא דיא גרויסע שפינן האט זיך אראב געלאזט איבער מיין קאפף און וויללמיר איין ביס טהין;“ האט דער אלטער געענפערט: שרעק ניט מיין קינד איך האב שוין דיא שפין איבערגעשראקען, זיא איז שוין צוריק געלאפען און האט זיך באהאלטען אינטער דיא ברעטער. אללערלייא מיני שפיננען זענען דארט געוועהין. נאר דיא גרויסע גיפטיגע שפין טארענטאלא (Tarentola) איז דארט ניט געוועהין. ווענן דיא טארענטאלא זאלל דארט אין דעם בארדעי אויך געוועהין זיין ווארטין דיא צווייא אלטע לייט געמיסט טאנצען זייער אלטען טאנץ אפראמע אדער איינע קאזאטשקא (*) ווער עס האט דיא וואהנונג פין דיא צווייא אלטע מענשען ניט געזעהין דער האט קיין

---

(*) דיא שפין טאראנטאלא אין קארנע צווייא שפאנן דיא גרעס זיא האט אזוי איין נאטירליכע גיפט אז ווען זיא בייסט איין מענשען פערלירט ער דעם שכל אין פאנגט אן צי טאנצין אללע טענצע וויע פיעל ער קאנן, נאר או מען גיסט איהם ארויף איין קאנן קאלטעס וואסער אויף זיין קאפף בלייבט ער שטילל שטעהען איהר שטאם איז פין דער שטאט טארענט דארום הייסט זיא טארענטאלא (אוניווערזול 21. יוני 1888 פאזשינא II.)

טרויריגעס לעבען אויף דער וועלט ניט גזעהען. איך בין איינע האלבע שטונדע מארמארירט געבליעבען שטעהען איך האב מיינע גאנצע מענשליכע געוויסען פארלוירען וויא איך האב דערזעהען אזעלכע צווייא אלטע מענשען האבען פארבראכט זייער אלטער אין אזוי איין מיזעריום צווישען גיפטיגע אינסעקטען, איך האב מעהר ניט געזאגט דיא גרייסער גאטט אין הימעל וויא בין איך דא יעצט זעה איך דאס אין חלום אדער בין איך אין איין גרויסען טהעאטער וויא מען שטעללט מיר זא וואס פאר. דער אלטער חנא קיפערנוז האט מיינעווארטען געהערט האט ער מיר באלד געענפערט מיין ליעבער פריינד קיין חלום איז דאס ניט, נאר טהעאטער איז דאס יאה. דיא שפינען לויפען אויף דעם שפינוועבס ארויף אין אראפ אזוי וויע דיא קאמעדיאנטען אין שלעפין נאך מיט דיא פליעגען מיט דיא גריללען. דאמאלס האב איך געזאגט עס איז שוין צו פיעל פאר אייך דא צו בלייבען. טהוט אייך אהן אייערע בגדים מיט אייער ווייב אין קימט מיט מיר איך וועל אייך געבען איינע שעהנערע וואהנונג אין איך אלליין האב זייא אויף מיינע הענד גענעמען אין האב זייא אין דעם וואגען אריינגעזעצט אין דעם אלטען קיפערנוז נעבען איהר אין בין מיט זייא אראב־גפאהרען צו ר' יוסף נרינבערג אין באד אריין אין געהייסען מאכען צווייא ביטליך אין דער דיענער פין דער באד האט זייאביידע אויסגעטהין אזוי וויא צווייא קליינע קינדער אין מען האט זייא אריינגעזעצט איןווארם וואסער אין מען האט זייא געוואשען מיט גרויסע שוואמען אין מיט זייף, מע׳ האט זייא געריינינגט פין זייער שמוץ אין מיר האבען זייא אבגעשוירען זייערע גרויסע פארוואקסענע האאר אין בעשניטען דיא גרויסע נעגעל פין דיא הענד אין פיס אין מיר האבען זייא אנגעטהין גאנץ נייע בגדים אין דיא אלטע שמאטים זייערע האב איך אוועק געלאזט אויף דעם וואססער אין אזוי האב איך דיא צווייא אלטע מענשען אריינגעבראכט אין מיין שטיב אריין אין האב זייא זייערע בעטין אבגעגעבען מיט ריינעם בעטטצייג אין איעדען איין קאלדרע צים איינדעקען. מיין ליעבע פרוי זלאטע האט דיא צווייא אלטע לייט מיט איין גרויס פער־גניגען צינגענעמען אין מיר האבען זייא אין דער ריינינקייט געהאל־טען ביז אין זייער טויט אריין. איין פאאר מאנאט זענען זייא בייא

מיר אין שטיב בידע געזעסין אין אז זיא איז געשטארבען האט מען איהם שוין ארויף גענעהמען אין דיא נייע שטיבער. זייערע קינדער לעבען נאך צווייא זיהן אין בוקארעסט. איך האב קיין סאנטים גענאסען ניט פין דיא פרענקען ר׳ אבירהם חיים אבוהב לעבט זאלל ער זאגען צי האט ער מיר עפים געגעבען אן ניט פין דעם קאמיטעט עפים צי נעמען פיר מיינע מיהע.

4. ישראל קערפעל נפטר ה׳ סיון ערב שבועות תרמ״ב ונקבר בו ביום 11. מאי 1882 בן שישים לימי חייו.

ישראל קערפעל איז ארים געגאנגען אויף דיא פים אין איז פליצים געפאללען צי בעט אהנע לשון אין עם האט איהם נאר געבארכילט אין האלז צווייא טאג דאריך אנאנט אין איז געשטארבען מיט א שווערין כיטערען טויט.

5. גרשון באננער נפטר יום ששי ערב ר״ח תמוז תרמ״ב ונקבר בו ביום 4. יוני 1882 בן ששים וחמשה לימי חייו. דער איז געשטארבען בייא זיינע קינדער אין ניט אין אזיעל.

6. אשר טירקילטויב נפטר 10. אב תרמ״ב ונקבר בו ביום 4. יולי 1882 בן ששים ותשעה לימי חייו.

אשר טירקילטויב איין קראנקער מענש, קיין דרעם פלייש איז אויף איהם ניט געוועהין נאר דיא ביינער זענין געוועהין איינגעוויקעלט אין איין מענשענהויט ער האט גענעסען אין גערטרינקען ביז אין זיין טויט אריין. ער איז איין צייט פין איינינע חדשים געלעגען צי בעט אין איז אויך מיט איין שווערין טויט געשטארבען.

## שנת תרמ״ג 1883.

7. מענדעל לעבעל, ליב קעברס א זיהן נפטר כ״ה אדר ראשון תרמ״ג ונקבר כ״ו בו 20. פעבער 1883 בן ששים לימי חייו.

מענדעל לעבעל, מיט דעם האב איך מעהר געהאט פארשווארצט צי ווערין וויא מיט אללע זקנים וואס זענין אויף מיינע הענד געשטארבען. דער איז געוועהין איין קראנקער מענטש וויא ער האט געטאגט האט ער ניט גענעכטיגט אין ווייל ער איז געוועהין פין דער גרעסטער נגודישער פאמיליע

האט מען איהם אריינגעגעבען אין אזיעל. דאס קאמיטעט האט
אבער איינגעזיעהען אז מען קאנן איהם ניט האלטען אין אזיעל דאריך
זיין געפיזהרליכער קראנקהייט (באלע חראניקע) (Bóla Chronică)
האט מען מיך בעאויפטראגט אז איך זאלל איהם פיהרען אין איי-
קריסטליכען שפיטאל, וויא מען וועט איהם וועלין אויפנעהמען
דארט זאלל ער בלייבען. אזוי בין איך מיט איהם 8 טעג ארים
געפאהרין אין דיא גרעסטע קעלטען איך האב מיך מיט איהם גע-
הויבען פין איין בירזשע אויף דער אנדערער פין איין שפיטאל צום
אנדערן מען האט איהם אין קיין שפיטאל ניט געוואלט אויפנעה-
מען, אם ענדע האט מען געפוילט בייא דער עפאריע שפיטאלע-
לאר אז מען זאלל איהם אויפנעהמען אין שפיטאל פאנטעלימאן
4 קילאמעטער וייט פין דער שטאט דארט ווערדען אויפגענאמ-
מען נאר אזעלעכע וואס זייא האבען באלע חראניקע (אייביגע
קראנקהייט.) מען האט מיר איין בילעט מיטגעגעבען פין דער
עפאריע שפיטאלעלאר אין איך האב איהם אוועקגעפיהרט קיין
פאנטעלימאן מען האט איהם דארט אויפגענעמען. ער איז אבער
דארט געלעגען נאר עטליכע טאג אין מען האט איהם צוריקגע-
בראכט אויף איין פראסט מיסטוועגעלע איבער געפרוירען מעהר טויט
וויא לעבענדיג. איך האב איהם באלד אריין גענעמען אין איין
ווארמער שטיב אין האב איהם באלד געמאכט איין הייסען טשייא
איך האב איהם קוים זיין טויטע נשמה דערוואריט, אויף דעם
אנדערן טאג האט ער מיך געבעטען אז איך זאלל איהם ריפען
ר' גדליה ברייער ער וויל מיט איהם רעדען אפאאר ווערטער
פאר זיין טויט. איך בין ריכטיג געגאנגען. אבער ר' גדליה האט
זיך אויף מיר שטארק אויסגעבייזערט אין מיט דיא ווערטער מיך
בעגלייטעט: „וואס האט מענדער מיך צי ריפען איך קעהר מיך
מיט איהם גאר נישט אן.“ נאר וויא קאריאז איז מיר דאס פאר-
געקוממען אז איך האב געזעהען וויא שעהן דיא לעבענדיגע מענ-
שען בעהאנדלען איין טויטען. אין איינינע טאג ארים איז דער
מענדעל לעבעל געשטארבען האב איך באלד געמעלדעט ר' גדליה
ברייער חאטש ער איז נאך דאמאלס ניט געוועהין קיין קאסיער
אויך ניט אפילי אין קאמיטעט. ער האט מיך זעהר שעהן ציגענע-
מען מיט דעם גרויסן ב ר ו ך ד י י ן א מ ת אין האט מיר באלד גע-

זאגט אז איך זאלל ניט נעהמען בייא קיינעם קיין תכריכין ער וועט שוין אללעס געבען. איך בין געגאנגען צו ר' וואלף מיבאלאוויטש אין האב גענעמען אויף זיין קאנט ליינוואנד אויף תכריכין אפילו נאדלין מיט פאדים אויך. עס איז אבער ווירקליך שעהן געוועזען צו צו זעהען וויא ר' גדליה ברייער האט זיך מתעסק געוועהן אי האט מקיים געוועהן מת מצוה כדינא. דער מענדעל איז גע־שטארבען מיט זייער אשווערען טויט ער האט זיך געמיטשעט איין טאג מיט איין נאכט. איך האב איהם צוגעזעהען אזוי וויא איין פאטער זיין קינד, זיינע רייכע פריינד האבען מיר קיין סאנטים בע־צאהלט פיר מיינער מיה אויך ניט דאס קאמיטעט האט מיר גע־צאהלט ניט פאר איהם און ניט פאר קיפערנו. איך האב זייא גע־וויעזען וויע געטרייא איך בין פיר דעם אויפפליעהען דעם אוילם.

8. רבקה משנית נפטרה י"ז אדר שני תרמ"ג ונקברה בו ביום 14 מערץ 1883 בת מאה וחמישה לימי חייה.

דיא רבקה משנית איז געוועהן אין דער גרעס וויא איין מעדל פון 6 אדער פון 7 יאהר, זיא האט קיין דרעם פלייש אויף זיך ניט געהאט און איז געוועהן טויב אזוי וויע איין האלץ. איך האב מיט איהר געמיזט רעדען נאר אויף דעם ווינק. אויף איינמאהל איז זיא קראנק געווארין און איז געפאללען צו בעטט און האט בא־קימען געשוואלענע פיס אזוי וויא איין פאסס. ביז און איין קורצער צייט איז דאס געשווילעכין צום הארץ געקימען. איז זיא געשטאר־בען מיט איין ביטערין שווערען טויט נאר איך האב מיט איהר וועניגער מיה געהאט וויא מיט מענדעל לעבעל.

9. מרדכי בן אליעזר נפטר יום ו ניסן תרמ"ג ונקבר יום ראשון ח' בו 3. אפריל 1883 בן שבעים לימי חייו.

מרדכי בן אליעזר איז פליצים געפאללען צו בעטט און האט באלד אויפגעהערט צו רעדען און עס האט איהם נאר געבארבילט אין האלז צוויא טאג דאריך אנאנט און איז מיט אשווערען טויט געשטארבען.

10. משה פייערמאן נפטר יום ראשון 10. תמוז תרמ"ג ונקבר יום שני י"א בו 3. יולי 1883 בן שמונים וארבעה לימי חייו

הכהן משה פייערמאנן איז געוועהן א געזינדער מענש. ווען מען האט איהם אריינגענעמען אין אזיל איז ער געוועהן א שיסטער. ער פלייג זיך אליין פעררעכטען דיא געטים. אין א צייט ארים איז ער קראנק געווארין, צו בעט געפאללען אין שוין מעהר ניט ארויסגעגאנגען. פיער חדשים איז ער געלעגען אין איז מיט א שוועהרען טויט געשטארבען.

## שנת תרמ"ד

11 באבע שרה ישעיה משה'ס נפטרה יום שני י"ג אדר תרמ"ד ונקברה שושן פורים 29 פעבער 1884 בת שמונים וארבעה לימי חייה.

דיא באבע שרה פלעג יעהר שוועהר ארימגעהן אויף איהרע פיס. זיא איז תמיד ארימגעגאנגען איינגעבויגען, איינגעהויקערט, דער קאפ האט איהר תמיד ארונטערגעהאנגען. איינמאל האט זיא געוואלט אריבערטרעטען דיא שוועל פון דער קיבע, איז זיא געפאללען אין האט זיך א שטארקען קלאפ געגעבען אין הערץ, איז זיא צו בעט געפאללען, האט געקרענקט א פאאר חדשים אינ איז מיט א ביטטערן שוועהרען טוידט געשטארבען. דרייא טאג האט זיא זיך געמיטשעט ביז זיא איז געשטארבען.

12 חנא קיפערנוז הכהן נפטר כ"ה אלול תרמ"ד ונקבר יום ג' כ"ו בו 4 סעפטעמבער 1884 בן מאה ועשרים ושש לימי חייו.

חנא קיפערנוז הכהן*). נאכדעם אז זיין ווייב בלימא איז געשטארבען האט מען איהם פון מיין שטיב ארויסגענעמען אינ איהם אריינגעזעטצט אין דיא נייע שטיבער נאך מיט אנ־אלטען מאנן. דער שפאניאל משה קאאלי פלעג איהם שיקען פון דער היים עססען אינ שפעטער אז ער האט זיך געשייד פון זיין פרוי, האט ער איינגעצאהלט אין דער קאססע צעהן פראנק א חודש אז קיפערנוז זאלל עססען פון דעם אזיל. דער אלטע קיפערנוז איז געוועהן גאר אבגעזאנדערט אין דער מענשליכער נאטור פון דיא אנדערע אלטע לייט וואס זיי האבען זיך געפינען אין אונזער אזיל. ערסטענס איז ער געוועהן דער עלטעסטע אונטער אללע. ער איז געוועהן קליין אין דער סטאטור אינ א דיקער פעטער מענש. עס האבען איהם נאכגעהאנגען א פאאר בריסטען וויא ביי א זעגענדיגער פרוי. ער

---

*) איבער זיינער ביאגראפיע רעד אויך הר' מ. שווארצפעלד אין דער צייטונג „פראטערני־טאטע" נומר. 39—38.

האט אויף קיין ברילען ניט געקיקט, אין סידור האט ער גערא־
ווינט אהנע אויגענגלעזער, טאבעקע ניט געשמעקט, ציגארע אדער
לי־קע ניט גערויכט, ער האט ניט געהיסט, ניט געשפיגען אינ ניט
געהראקעט וויא אנדערע אלטע וואס זענין יונגער פין איהם גער־
, נאר ער האט געהאט א בראך אזוי גרויס וויא א טאפ פין
א־נ־אקע. מיט צווייא יאהר פאר זיין טויט איז ער נאך געוועהן
ביים גאנצען מענשליכען פערשטאנד. מען האט געקאנט מיט איהם
רעדען אין יעדר בעציעהונג. וואס מען האט איהם געפרעגט האט
ער שעהן געענפערט: על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. ער פלעג
תמיד ערצעהלען פינ־ם לעטצטען עיפוש וואס עס איז געוועהן
אין יאהר 28. דאמאלס איז ער געוועהן מאלאטשי, ער האט באַ־
גראבען דיא פארעיפושטע אינ דאס מיינסטע פלעג ער ערצעהלען
פין דעם מלך קאראזשא. ווען דער מלך יאהן קאראזשא איז גע־
קימען נאך בוקארעסט איז ער שוין געוועהן א מענש פין 7 ביז
38 יאהר אינ אז דער מלך יאהן קאראזשא איז אנטלויפען פין
בוקארעסט פאר דיא טירקען איז ער שוין אלט געוועהן 46 יאהר,
אזוי פלעג מיר דער קיפערנוז ערצעהלען. פאלגליך נאך מיינער
רעכנונג איז קיפערנוז מעהר ניט אלט געוועהן וויא 111 יאהר.
דאס רעכנונג איז קלאר אזוי: דער מלך יאהן קאראזשא איז אנט־
לויפען פין בוקארעסט אים יאהר 1819, דעמילס איז קיפערנוז
אלט געוועהן, אזוי וויא ער האט געזאגט, 46 יאהר, געשטארבען
איז ער אים יאהר 1884, אזוי קימט ארויס דאס רעכנונג אז פין
1819 ביז 1884 איז 65 יאהר אין 46 איז 111. אזוי פיער איז
קיפערנוז אלט געוועהן ווען ער איז געשטארבען.

דער חנא קיפערנוז איז געוועהן א געזינטער מענש, ער פלעג
נאך ארויפגעהן דוכינען מיט אללע כהנים אין פלעג זייא איבער־
שרייען. א יאהר פאר זיין טוידט האט ער זיין גאנצען שכל פער־
לארען, ער האט שוין גערעד פינ׳ם וועג אין איז גענצליך עובר
בטל געווארין מן העולם הזה. ער פלעג זיך אנטהין טלית אין
תפילין אינ געהן אין רעטיראט אריין לצורך. אין דעם יאהר תרמ״ד
יום. כפור האט ער זיך געהייסען געבען בראנפען, ער קאן ניט
פאסטען, אינ איך האב איהם טאקע געגעבען. עס פלעג זיך איהם
טרעפען מעהרערע מאל דאס אימריינקייט וויא ביי א קליין קינד,

פלעג איך שטעללען דיא דיענסט. פלעג זיא איהם אויסטהין נאַ־קעט אינ איהם אריינזעצען אין א גרויסער מילטער וואססער, איהם בעוואשען ריין אינ אנטהין ריינע בגדים. זיין בעסט עססען איז געוועהן איינגעווייקט ברויט אין ראסעל פין קרויט אדער פין אי־גירקעס אדער אין ווארם וואססער. איך פלעג שוין פאר איהם תמיד זארגען איהם זיינע געוועהנליכע שפייזע פארצובערייטען. איינינע וואכען פאר זיין טוידט פלעג ער שוין ליעגען צו בעט, אבער אין דער רייניליכקייט. ער פלעג לאנגזאם אראבגעהן פינ׳ם בעט וועגען דער מענשליכען נאטור. שבת פרשת נצבים איז גע־וועהן בייא איהם דער שפאניאל משה קאאלי, האט ער מיט איהם זעהר שעהן גערעדער אינ זיך מיט איהם געזעגנעט אין מאנטאג פארטאג איז ער געשטארבען מיט א גרינגען טוידט, ער איז שטילל איינגעשלאפען, זיין טוידט קען אויך הייסען נשיקה *)

## שנת תרמ״ה

13 האדיל יעקעלאוויטש דיא יאססערן, נפטרה יום ו׳ ז׳ שבט תרמ״ה ונקברה במוצאי שבת ח׳ בו 12 יענער 1885 בת ששים ושלשה לימי חייה.

האדיל איז געווען א הויכגעוואקסענע פרוי, שעהן צים אנ־זעהן, נאר אבער קרענקליך אויף איהרע אלטע ביינער. אינ וויל זיא איז געוועהן א פרעמדע ניט א בוקארעסטערן האט מען זיא ניט געקענט אויפנעהמען אים אזיל. וויל דאס איז געגען דיא סטא־טוטען, האט זיא געגעבען 600 פראנק אום מען זאלל זיא אויפ־נעהמען, דענן בייא איהרע קינדער האט זיא ניט נעקענט זיצען. זיא האט אבער א סך ניט געלעבט אים אזיל אינ איז געשטארבען מיט א גרינגען טוידט: זיא האט געטרינקען א גלאז טשיי אין איז געבליעבען מיט דעם גלאז אינ דיא הענד, מען האט דאס ערשט נאך דעם טוידט פין איהרע הענד ארויסגענעמין.

14 משה אהרן חייט נפטר יום ראשון ט׳ שבט תרמ״ה ונקבר יום שני י׳ בו 14 יענער 1885 בן שבעים ושש לימי חיו.

משה אהרן איז געוועהן א קראנקער מענש, ער האט זעהר

---

*) אין אייניגע צייטען ארים איז דער שפאניאל משה קאאלי אתיים געקימען ביי נאכט אין זיין אייגענעם הויז אין איז אריינגעגאנגען אין שלאפצימער, האט זיך אויסגעטהין א געט פינ׳ם פיס אין איז אזוי זיצענד געשטארבען. אין דער פריה האט מען איהם געפינגען טוידט נאר מיט איין געט אויסגעטהין אין איין געט אויף דעם פיס. עס איז קיין מענש נעבען איהם געוועהן, נאך דער מיינונג פין הערן דר. ליפפע זאלל דער טוידט פין משה קאאלי אויך הייסען נשיקה.

שטארק געהיסט. ער איז געוועהן א רעליגיעזער מאנן, טאג אין נאכט נאר תהלים געזאגט. פרייטאג ערב ראש חודש שבט איז ער געוועהן אין מרחץ, האט ער זיך פערקעלטעט, איז צו בעט געפאללען אונ מעהר ניט אויפגעשטאנגען. זיין קרענק איז געוועהן אלטערשוועכע. ער פלעג ציביסליך ווייז אראבגעהן פונ'ם בעט וועגען מענשליכער נאטור און זיך צוריקלעגען. ער איז געוועהן ביי זיין גאנצען שכל און גערעד ביז אין דער לעטצטער מינוט. זאנטאג ט' שבט בין איך געבען איהם געזעססען און ער איז געוועהן אין זיינע בגדים אנגעטהין, די אויגען האט ער שוין צוגעהאלטען, די אויערן האבען נאך געהערט, דאס מויל האט נאך גערעד. מיר האבען איהם געפרעגט וויא ער הייסט, האט ער אונז געזאגט זיין נאמען און דעם פאטערס נאמען. צוויא מינוט פאר זיין טוידט האב איך איהם געפרעגט וועמ'ס איז דאס קאפעלעפעלע, האט ער געזאגט: דאס איז מיינס, און מיט דעם ווארט איז ער איינגעשלאפען שטילל, רוהיג, ער האט קיין שום הוויות ניט געמאכט. דער מענש איז ווירקליך איינגעשלאפען אזוי וויא א קליין קינד און וויגעלע. דעם טוידט מעג מען אנריפען מיתה נשיקה.

15 גיטיל פלאטץ נפטרה כ"ג ניסן תרמ"ה ונקברה כ"ד בו 28 מערץ 1885 בת מאה ושש לימי חייה.

גיטיל פלאץ איז געוועהן א געבוירענע א בוקארעסטערן פון א־נ־אלטער בוקארעסטער פאמיליע. עס האט עקזיסטירט א ווערטעל דא אין בוקארעסט: אויף איין אלטען בוקארעסטער פלעג מען זאגען: דער איז פון די אלטע ראקענפרעססער. איך האב געקאנט איהרען א זוהן ר' מאיר פלאץ, ער פלעג תמיד דאווינען אין אלטען בית המדרש אין סקוינים. אויף איהם פלעג מען זאגען אז ער איז איינער פון די אלטע ראקענפרעססער. איך האב אבער געזעהן אז ער איז פארט א־נ־ערהליכער מאנן און א רעליגיעזער יוד. האב איך איהם געפרעגט וואס זאלל בעדייטען דער שענדליכער נאמען ראקענפרעססער, האט ער מיר ערקלעהרט: אין דעם היעזיגען לאנד מונטעניא האט מען תמיד פיינד געהאט יודען, נאר די איניגע פריצים וואס האבען בעדארפט צום בעל מלאכה. האט ער איהם שוין געמיזט ליעב האבען, און דער יוד

וואס איז געוועהן א חשוב ביים פריץ, האט טאקע געקענט האבען דיא גרעסטע טובה פין דעם קריסט. אין א צייט איז דאס טירקישע מיליטער אוועקגעגאנגען פין בוקארעסט, האבען דיא וואלאכען צוזאממענגעטריעבען יודען אין א קריסטליכען הויף וואס איז געוועהן מיט א גרויסער מויער ארים. נאר ניט אללע יודען זענען דארט פערמאכט געוועהן, ווייל איינינע זעניך אנטלויפען צו זייערע בעקאנטע פריצים אינ איינינע זענין אנטלויפען פין דער שטאדט. מיין פאטער איז אויך געוועהן איינער פין דיא געפאנגענע, האט ער מיר ערצעהלט אז מען האט דיא געפאנגענע אויסגעזעטצט איינע צייט פאן 5—4 וואכען זאללען זיך אללע שמד'ען און ווער עס וועט ניט וועלין אננעהמין דיא שמד זאלל מען איהם הרגינען מיט א שוועהרער מיתה. ווערענד דער צייט האט מען זייא געגעבען ראקעס עססען. אין דער צייט זענען דיא רוססען ארייגגעקיממען אינ האבען געפרעגט אויף יודען, האט מען דעם גענעראל ערצעהלט דיא געשיכטע, האט ער א בעפעהל געגעבען מען זאלל דיא יודען פריי לאסען. פין דעמילס אן האבען מיר דעם שענדליכען נאמען. דאס האט מיר ערצעהלט דער מאיר פלאץ אינ זיינע מוטטער גיטעל פלאץ פלעג אויך דערפין ערצעהלען; זיא איז דאמאלס נאך געוועהן א יונג קינד*). זיא איז געוועהן א הויכגעוואקסענע פרוי וויא א שעהנער אייכענבוים. זיא איז געוועהן ריין ביז אין איהר טיעפער עלטער אריין אינ האט איהר שכל ניט פערלוירען ביז אין דער לעטצטער שעה פין איהר לעבען. אויך זיא איז מיט א גרינגען טוידט געשטארבען. עס איז אויף איהר קיין קאמענטאר צו מאכען.

כ16 ישראל יאקעלעס נפטר ביום שבת 9 סיון ונקבר יום ראשון י' בו, 11 מאי 1885 בו שבעים וחמשה לימי חייו:

דעם האט מען עקספולזירט פינ"ם בתי מחסה לזקנים ווייל זער האט ניט געוואללט געהן מיט'ן קויש נאך פלייש. ער איז א

---

*) אין דאס איז אללעס צים גלויבען, ווארין דא אין מונטעניא האט מען מעהרערע מאל געהרגיט יודען, דיא געשיכטע האט געזאללט זיין אין יאהר 1801. ווארין אין דעם יאהר אין א ערשטען טאג פין זייער פסח 8 אפריל האבען דיא וואלאכען געהרגיט 128 יודען אין בוקארעסט. מיינע ליעבע לעזער קעננען דאס זעהן אין צווייטען טהייל פין מיינע קראניקעס "קורות היהודים רומעניען„ בלאט 66. אין מיינע קראניקען איז דא מעהרערע זאלכע אימגליקען וואס איז איבערגעגאנגען אויף איזערע יודען אין דיא לענדער.

מאל געוועהן א שענער בעל בית אין בוקארעסט אינ א שטיקעל מיוחס. האט ער זיך געשעהמט צי געהען מיט דער קאשניצע נאך פליישׁ, איז ער געשטארבען ביי זיינע קינדער אינ ניט אין אזיל.

17 ריזא זכריה, מאהלירס נפטרה יום שני ט"ז תמוז תרמ"ה ונקברה ג' שבעה עשר בתמוז 18 יוני 1885 בת תשעים לימי חייה:

דיא ריזא איז אויך געוועהן א הויכגעוואקסענע פרוי, א בוי־קארעסטערן א געבוירענע, האט זיך אויסגעלעבט איהר רעסט יאה־רען אין בתי מחסה לזקנים אין איז געשטארבען אין דער ריינקייט מיט א גרינגען טוידט.

## שנת תרמ"ו

18 רפאל הירש אדער רפאל דוד נפטר י"ח תשרי תרמ"ו ונקבר יום שני ג' דחוה"מ סוכות 16 סעפטעמבער 1885 בן שבעים לימי חייו.

רפאל הירש איז געוועהן א בוקארעסטער פין א נאבלער פא־מיליע, אויך א שוואגער מיט הרב שפיעלמאנן, זיין שוועסטער האט געהאלטען דעם קראיאווער רב. פיעל יאהרען איז ער גע־זעססען אין בראשאוו, זיינע גאנצע יוגענד האט ער פערבראכט אין קראנשטאדט אין זיבענבירגען. דיא גאנצע בעזע אונגארישע נא־טור איז אין איהם איינגעווארצעלט געוועהן, גלייך ער וואלט גע־וועהן א ענקעל פין אטילא *), וואס נאר עפיס איהם איז ניט גע־פעלין האט ער א טיפפ געגעבען מיט דעם פיס אין באוויזען דעם באסאמא. דורך זיין בעזהייט האט ער אויף דער עלטער בעקימ־מען ד"א דאמלא אינ איז געבליעבען א קאליקע אויף א האנד אין א פיס אינ דאס לשון אויך געלעגט, נאר אויף דיא אנדערע אברים איז ער געזינד געוועהן אין פלעג ארימ:עהן. ווייל ער איז געוועהן פין א פאמיליע, האט איהם וועלוועל מיכאלאוויטש א־ריינגענעמין אין אזיל סוף חודש אפריל 1885, איז ער געזעסין רוהיג דעם גאנצען זוממער ביז נאך יום כפור. ער פלעג שמעקען טאבעקע, רייכערן, טרינקען אללערליי געטרענקע מעהר פין אללע

*) טראצדעם איז ער געוועהן אין קראנשטאדט אין זייבע גיטע יאהרען א גרויסער מכנים אורח אין א בעל צדקה, אין אבוואהל ער איז געוועהן א בחור ביז עטליכע אין פינפציג יאהר, האט ער געפיהרט א שענע בעלהבתישע שטיעב אין פלעג פרעמדע דורכרייזענדע פין דער גאס צי זיך פערשלעפען אין זייא בעווירטהען וויאפיעל צייט זייא האבען ביי איהם געוואללט ז'שצען אין פלעג זייא נאך אלליין בעדיענען. דאס מיז מען איהם נאכזאגען צי זיין שבח (המבקר אליעזר כהן).

אלטע לייט פינ'ם אזיל. יום שלישי י"ג תשרי 8 אוהר פריה האט ער זיך ציקריגט מיט איינינע אלטע לייט פינ'ם אזיל אין באוויזען דעם גרויסען אונגארישען כעס. האט ער באלד בעקימען דיא הינפאללענדע קראנקהייט (חולה נופל) אין איז געפאללען צו דער ערד אהנע לשון אינ עס האט אין איהם געארביט אללע אברים, אינ אזוי איז ער געלעגען ביז אויף דער נאכט. נאך מערב האבען מיר איהם געלעגט אויף זיין בעט אינ אין דאר לאנגע איז ער געלעגען ביז יום ראשון באנאכט 18 תשרי. 6 טאג רצופים האט איהם געכארבילט אין האלז וויא א שטארקער דאמפף-מאשין. זעהר מיט א שווערען טוידט איז דער מענש געשטארבען. דעם מין טוידט האט מען גענענט אנרופען „אסכרה" אזוי וויא דיא גמרא זאגט: „קשה שבכולן אסכרה" גלייך וויא ער האט א מין עיפוש אין האלז. דער האלז איז איהם גאנץ פערשטאפט געוועהן.

19 פייגע לעבעל נפטרה כ"ב אדר שני תרמ"ו 17 מערץ 1886 בת ששים ושב"ה לימ[י]חייה.

פייגע לעבעל איז געוועהן דיא מוטטער פין מענדעל לעבעל (זיעהע אבען נומר 7). דיע אי[ז] געוועהן פין דער גרויסער פא־מיליע. אויך ר' גדליה ברייערס א מומע. אויף דער עלטער האט זיא בעקימען א געפעהרליכע קראנקהייט אין דער מענשליכער נא־טור הן לצורך הן למי רגלים, האט מען זיא אריינגעגעבען אי אזיל נאר מען האט פאר איהר געצאהלט 30 פראנק א מאנאט אין דער דיענסט האט מען עקסטער געצאהלט כדי זיא זאלל זיא האלטען אין דער ריינקייט. זיא איז געלעגען איינינע חדשים אין דער אימריינקייט, האט גענעססען אין געטרינקען אין האט געהאט א שארף מויל צים רעדען. אין דעם טאג פין איהר טוידט האט זיא בעקימען דיא הינפאללענדע קראנקהייט. האט זיך א סך ניט געמיטשעט אין איז אין דעם טאג געשטארבען.

20 וואלף גאלדנער אדער וואלף דיימש נפטר י"ז אייר תרמ"ו ונקבר יום ראשון ל"ג בעומר י"ח בו 11 מאי 1886 בן ששים ושמנה לימי חייו:

וואלף גאלדנער איז געוועהן א הויכער שעהנער אנזיכטיגער מאנן נאר א קרענקליכער. נאך זיין אריינקימען אין אזיל איז ער א קורצע צייט ארימגענאנגען אויף זיינע פיס, דערנאך זענען איהם דיא פיס געשוואלען געווארען, איז ער צו בעט געפאללען, געלע־גען א פאאר חדשים אויף א געפעהרליכער קראנקהייט אין מיט א שווערען ביטטערן טוידט געשטארבען.

21 אייזיק גרינפעלד אדער אייזיק דער וועקסינער נפטר ג׳ אלול תרמ״ו ונקבר במוצאי שבת ד׳ בו 23 אויגוסט 1886 בן ששים ותשעה לימי חייו:

אייזיק גרינפעלד איז געוועהן זעהר א שוואבער, ער האט ניט געקעננט פארטראגען דאס עססען, פלעג ער בעטען דעם רשע איש לפידות ער זאלל איהם געבען א ביססעל זאפען אהן טייגלעך ווייל זיין מאגען קאן דאס טייג ניט פערטראגען. אויך דער אנ־דערע אלטער מאנן וואס איז מיט איהם געזעססען אין איין שטיב, אברהם יצחק הארוויטץ, האט אויך געבעטען דעם רשע ער זאלל איהם נאר זופפען געבען אינ ניט קיין טייגליך. דער רשע האט זייא אבער ניט געוואללט ציליעב טהון, לא די ער האט געקוהעהלט זייערע אלטע נשמות, האט ער נאך אנגעטראגען רכילות אויף זייא צי דיא קאמיטעטסמיטגליעדער. איינעם טאגעס איז ר׳ אברהם משה איזראעלאוויטש געקימען אין אזיל האט דער אייזיק גרינ־פעלד זיך בעקלאגט אויף דעם עססען אינ געבעטען מען זאלל איהם דאס עססען פערבעססערן, האט ר׳ אברהם משה א גע־שריי געגעבען מיט דיא ווערטער: אז עס געפעלט אייך ניט אונ־זער אזיל מעגט איהר אייך געהן, אינ האט באלד געשאפט מען זאלל ביידע בעטטען ארויסשטעללען אינ עס איז אויך ריכטיג באלד געשעהן. ווער עס האט ניט געזעהן דאס יאממערן אינ וויי־נען פין דעם אלטען שוואכען גרינפעלד פאר דעם ר׳ אברהם משה, האט קיין טרויריגע סצעניז אויף דער וועלט ניט געזעהן. אבער ר׳ אברהם משה איז געוועהן אזוי גיט אינ איהם געענפערט: איך קאן אייך גאר ניט העלפען, געהט צי הערדן וואלף מיכאלאוויטש ער קאן אייך העלפען. דער אלטע שוואכע מאנן האט זיין ביטער הארץ אויסגעוויינט ביי ר׳ וואלף מיכאלאוויטש. דער ענפער איז געוועהן: „איך קאן אייך גאר ניט העלפען. געהט צים דר. בלו־מענפעלד, ער איז פרעזידענט קען ער אייך העלפען, אי דאס זאללט איהר שרייבען א וואלעכישע פעטיציע אין איך ניט בע־קלאגען אויף קיין שום מענש, נאר איהר זאללט בעקעננען אייערע חטאים אינ ציזאגען אז עס וועט אייך ניט אנגעהן קיין שום זאך וואס עס געהט פאר אינ־ם אזיל“. דיא ביידע אלטע לייט האבען א וואלעכישע פעטיציע געשריעבען נאך דער צענזאריע פין הר׳ וואלף מיכאלאוויטש אינ זיא איבערגעבען דעם דר. בלומענפעלד. דער דר. האט ביידע בעגנאדיגט אינ מען האט זייא צוריקגע־

שטעללט דיא בעטטען. איינער פינ'ם קאמיטעט ר' ליב יאנאוויטש האט געפרעגט: וואס וואר אין אמת דער גרויסער חטא וואס דער אלטע שוואבע מאנן איז אזוי געקוועהלט געווארין? האט מען איהם געענפערט: „האט ער ניט געזאללט א דעה זאגען אין עסין אריין. דאס משפט האט געדויערט א פאאר וואכען ביז מען האט זייא דיא בעטען צוריקגעשטעללט, דערוויל האבען זייא געשלאפען אין דרויסען אויף דעם גראז. דער אלטער ר' אברהם הארוויטץ איז געוועהן א געזינדער מענש האט ער געקענט אויס־האלטען דיא יסורים אבער דער אייזיק איז געוועהן א שוואכער אינ איז געלעגען אין דרויסען אויף דעם גראז אינ האט בעוויינט זיינע אלטע יאהרען. פאר גרויס ערגערנים איז ער צו בעט גע־פאללען אינ מיט א שוועהרען ביטטערען טויט געשטארבען.

דער אנדערע אלטע מאנן ר' אברהם יצחק הארוויטץ איז נאך געזעססען א קורצע צייט אים אזיל דערנאך האט ער געזאגט: לא מרבשך ולא מעקצך אינ האט זיך אלליין אוועקגעצויגען פין דעם אזיל. ער האט נאך געלעבט ביז אים יאהר תרמ"ח.

ר' אברם יצחק הארוויטץ נפטר י' אדר תרמ"ח ונקבר י"ח בו, 18 פעבער 1888.

## שנת תרמ"ז

22 משה ע;געל נפטר י"ג חשון תרמ"ז ונקבר י"ד בו, 31 אקטאבער 1886 בן ששים וחמשה לימי חייו.

משה מענדעל בר' חיים אב ענגעל איז אויך געוועהן איינער פין דער חברה כבוד התורה וואס האבען געשענקט איין ספר אין אזיל אריין, אזוי וויא אינזערע לעזער וועלין זעהן אין דער ביא־גראפיע פין דיא לעבענדיגע (בעריל דערבלינדע) ער איז געוועהן א קראנ־קער אויף דיא פיס. ער האט ניט געקאנט דולדען דיא פערזעקו־ציאן פינ'ם עקאנאם איש לפידות. דער לפיד אש האט געוואללט דער ר' משה זאלל איהם בעדיענען אינ דער אלטער מאנן האט ניט געקאנט, האט ער איהם ניט געוואללט פאלגען, אינ דורך דיא רבילות אינ מסירות וואס דער סאטראפ האט אויף איהם אנגע־טראגען, האט מען געזיכט מיטטעל איהם ארויסציווארפען פינ'ם אזיל. איינעם טאגעס איז געקיממען וואלף מיכאלאוויטש, האט מען איהם שוין ראפארט געגעבען אז דער אלטע משה ענגעל

האלט זיך ניט ריין אין דער מענשליבער נאטור, האט ער. וואלף מיכאלאוויטש א געשריי געגעבען: „וועה איז איהם ער יועט פעראימריינינגען דאס גאנצע אזיל, מען זאלל איהם ארויסווארפען אין מעהר ניט אריינלאזען אין הויף אריין, אין דאס איז באלד געשעהען. איך בין דערבייא געשטאנען, עס האט מיר געטרייעפט דאס בליט פין מיין הערץ ציציזעהן דיא שמערץ פינ'ם אלטען מאנן. וואלף מיכאלאוויטש האט פערגעססען אז אין אזיל זענען שוין געוועהן נאך ערגערע וויא משה ענגעל וואס האבען פער־אונריינינגט דאס אזיל אין קיין מענש האט פראטעסטירט זייא ארויסציוווארפען. נאך היינט געפינט מען אים אזיל זאלכע וואס זענען ניט ריין אין דער מענשליבער נאטור אין מען ווערפט קיינעם ניט אר'וים, נאר ציליעב דעם גהינם־שמש האט וואלף מיכאלא־וויטש זיך גענעמין דיא פרייהייט אללעס צי טהין אהנע צי פרע־גען דאס גאנצע קאמיטעט *).

מיינע ליעבע לעזער, דער מענש ר' משה ענגעל איז געוועהן עלענד וויא א שטיין. ער האט ניט געהאט וויא א נאכט איבער־צינעכטיגען אין איז געלעגען ביים טירל פינ'ם אזיל, האט גייאמ־מערט אין געוויינט מיט בליטיגע טרעהרין אין קיין מענש האט זיך אויף איהם ערבארמט. דער גווארדיסט פין דער גאס האט אויף איהם רחמנות געקריעגען אין איהם אריינגעפיהרט אין דער קאמיססיע אין דארט האט ער גענעכטיגט. קורץ דער מענש האט זיך געוואלגערט אויף אללע מיסטען. ער האט דאס לשון אויך פערלוירען. איך האב דאס עלענד פין דעם מענשען ניט געקענט ציזעהן, בין איך געגאנגען צי הר' אהרן גאלדענבערג, ווייל ער האט איהם אריינגעגעבען אין אזיל, אין האב איהם ערצעהלט דיא גע־שיכטע האט ער מיר געזאגט: געהט אהיים מען וועט איהם שוין ציריק אריין־נעהמען. אין ריכטיג נאך איינינע טאגע איז אנגעקי־מען א בעפעהל דעם אלטען ווידער אויפציגעהמען. עס איז גע־וועהן סוף חודש אלול ווען ער איז ציריקגעקימען אין אזיל, נאר ער איז שוין געוועהן גאנץ פערלוירען, אהן לשון אין נאך מעה־

*) דאס וואר דעם גאנצען קאמיטעט ניט רעכט אויסער דעם דר. בלומענפעלד, נאר קיינער האט ניט געהאט דעם קוראזש אויפציטרעטען שטרענג וויא נאר הערר ליב יאנאוויטש. וואס האט זיך געקריעגט א לאנגע צייט אין עס האט ניט געהאלפען.

אין דער אימריינליבקייט אין דער מענשליכער נאטור, אז איך בין געצווינגען געוועהן איהם ימים נוראים ניט צו לאזען אין שיהל אריינגעהן, פלעגט ער ארימגעהן אין דרויסען ביי דער מזרח וואנד פון דער שיהל אונ דארט האט ער זיך זיין פערביטטערט גע־בראכען הערץ פאר גאטט אויסגעוויינט. קורץ מען האט איהם א בעזונדער שטיבעל אבגעגעבען אונ א בעטיל אריינגעשטעללט, ער זאלל גאנץ אבגעזאנדערט זיין פון מענשען. ביז נאך אללע ימים טובים איז ער נאך ארימגעגאנגען. נאר נאכהער איז ער צו בעט געפאללען אונ ניט מעהר אראפגעגאנגען. ט"ז תמוז תרמ"ז איז ער מיט א שווערען טוידט אונ אין דער גרעסטען אימריינליבקייט געשטארבען.

23 ליבע דייטש נפטרה ב' ניסן תרמ"ז ונקברה ג' בו, 61 מערץ 1887, בת שמונים לימי חיה.

ליבע דייטש איז געשטארבען בייא איהרע קינדער אונ ניט אים אזיל.

24 הירש קייזער אדער הירש טשאקאלאדמאכער נפטר יום רביעי ט' סיון תרמ"ז, ונקבר יום חמישי י' בו 21 מאי 1887 בן שבעים ושש לימי חייו

הירש קייזער איז געוועהן א בלינדער מענש. ער איז אלט געוועהן 23 יאהר אז ער איז בלינד געווארין אויףביידע אויגען ער האט זיך ערנעהרט מיט בליטיגען שווייס, דאמיט וואס ער האט געמאכט טשאקאלאדע. צו יענער צייט האט זיך געפינגען אין בוקארעסט א געוויססער ר' אברהם לוטפאק, א גרויסער קענ־נער אים העברעאישען אונ אין דקדוק. זייא זענען צוזאממען גע־זעססען האט ער מיט איהם געלערנט תנ"ך אונ דקדוק, א גיטען קאפף אונ שארפען פערשטאנד האט ער געהאט, האט ער אללעס לייכט ערלערנט. מיט איינעם ווארט. דער ר' הירש קייזער האט גאנץ תנ"ך דקדוק אונ העברעאישע ארטאגראפיע אויטווענדיג גע־קענט. אין דיא עלטערע יאהרען אז זיין טשאקאלאדע האט אויפ־געהערט צו פונקציאנירען, איז ער געווארין א העברעאישער לעה־רער, איז דיא פראגע וויא אזוי האט געקענט א בלינדער מענש איינע שולע בילדען אונ מען זאלל איהם אנפערטרויען קינדער? האט ער אזא קונץ בעוויזען: ער האט אריינגענומען 6 ארמע קינדער אונ מיט זייא אימזיסט געלערנט. זיין ליעבע פרוי לאה

פלעג זיצען מיט א טישעל מיט סחורה אינ פלעג איהם געגעהרין.
איך אינ עקיבא חשמל תנצב"ה פלעג מיר געראדע דאמאלס א־
ריינגעהן צי דעם ר' הירש קייזער אינ ציהערין זיין לערנען מיט
דיא קינדער. דיא שכנים האבען געזעהן אז ער לערנט אזוי גיט
מיט דיא קינדער, האט מען איהם נאך צינגעבראכט קינדער מיט
שכר למוד. עקיבא חשמל ז"ל האט איהם דערצי א סך מיטגע־
האלפען אינ אזוי לאנגזאם האט ער געבילדעט א שעהנע שולע.
דיא קינדער האבען ביי איהם געלערנט העברעאיש רימש אינ
וואלעכיש. העברעאיש האט ער אלליין געלערנט אין צי דיא
אנדערע שפראכען האט ער געהאלטען לעהרער. זיין וויב לאה
איז שוין מעהר אין דער גאס ניט געזעססען מיט'ן טישעל אינ
אזוי האט ער זיך ערנעהרט פיעלע יאהרען בכבוד גרול. אויף דער
עלטער איז איהם זיין געטריי ווייב לאה געשטארבען. האט איהם
שוין קיינער ניט געהאט צי בעדיענען. קינדער האט ער ניט גע־
האט. אזוי איז זיין שטיעב געגצליך צוגרונדע געגאנגען. א־נ־אמת'ר
גיטער פריינר, וואס האט געירשיט דיא סימפאטיע פין זיינע על־
טערן פאר דעם ר' הירש קייזער, א געוויססער אראלף ריינער
האט זיך פערווענדעט ביים קאמיטעט פין בתי מחסה לזקנים
דורך מעהרערע קאנדיציאנען וואס מיר קענען דא ניט פארברענ־
גען אז מען זאלל איהם אריינגעהמען אין אזיל. אנפאנגס יאהר
1882 האט מען איהם אבגעגעבען זיין בעט אין דעם שטיבעל
וואס הערר ריינער האט געבויט לזכרון פאר זיין ערסטער פרוי.

דיא ערשטע פאאר יאהרען האט ר' הירש קייזער מיט גרויס
פערגניגען צוגעבראכט מיט אינז אינ־איינעם אינ אזיל. עס פלעגען
צי איהם קימען ארמע קינדער פלעג ער מיט זייא לערנען העב־
רעאיש, נאר וועלוועלע פלעג איהם פערביעטען דאס לערנען מיט
קינדער. יום טוב אין שבת פלעגען צי איהם קימען נאבלע מענ־
שען מיט איהם דישקורירען אינ צייטונגען פארלעזען. א יאהר פאר
זיין טוידט איז ער צי בעט געפאללען אין ניט מעהר געקענט א־
ראבגעהן. אללע וואך פלעג הערר ריינער צי איהם קימען אין יע־
דען בעדאנקען כדי מען זאל איהם בעדיענען. אינ אזוי איז ער גע־
לעגען צו בעט ביז אין זיין טוידט אריין. אויך דיא פיס זענען
איהם געשוואלען געווארען. אין דער מענשליבער נאטור איז ער

געוועהן רייך. נאר די כנים האבען אבער זיין ארמען קערפער
שטארק בעזעטצט עס איז אונמעגליך געוועהן איהם צו בערייני־
גען גערעדט האט ער ביז אין דער לעטצטער שעה, האט טאג
אונ נאכט געלענט קריאת שמע. א טאג פאר זיין טוידט האט ער
אויפגעהערט צו רעדען אונ איז מיט א ביטערן שווערען טוידט
געשטארבען. עס איז געבליעבען א ביססעל געלד איינצומאהנען.
הערר רייגער קאססירט איין דאס געלד. העלפט גיבט ער
דער ארימער שוועסטער און העלפט דעם אזיל ביז 150 פראנק,
ער זאלל אנגעשריעבען ווערין אין טאבלוי פין די מעמברעס דע
וועטש Membru de ve‹›I איביגעס מיטגליעד. אנפאנגס יאהר 88
איז ער איינגעשריעבען געווארען אויף דעם שטין.

## שנת תרמ״ח

25 משה רפאלאוויטש נפטר יום שני כ״ב אדר תרמ״ח ונקבר בו 2: פעבער 1888 ב
שמונים ושלש לימי חייו.

משה בן מאיר ראפאלאוויטש וואר דער ערסטער אלטער
מאנן וואס איז אויפגענעהמען געווארין אין אזיל. דער איז געוועהן
א עלנדער מענש אהן אנגאיינציגען באפריינדטען דא אין בוקארעסט.
א רוסישער א געבוירענער פין דער שטאדט דאבניע. וואלניר גו־
בערניע, איז ער געקוממען אין די לענדער רומעניען מיט די רוס־
סען אים יאהרע 1828 אונ פין דעמילס איז ער געבליעבען אין
דער וואלאכיי. וויא אזוי ער האט זיין לעבען צוגעבראכט אין דער
יוגענד ווייס איך ניט. נאר אויף דער עלטער פין יאהר 1864 פלעג
ער קלעבין ארים דעם הויז פין ר׳ יוסי ליב גוטמאנן. דארט האט
מען איהם אונטערשטיטצט. אים יאהרע 1879 האט מען געקויפט
דאס פלאטץ וועגען דעם ב״י. אויף דעם גרונד איז געוועהן א גע־
רעכט וואלד *) פין אבסטבוימער אונ א נ־אלט הויז מיט א קעד.
דעמילס האט מען מיך אריינגעזעטצט איך זאלל איבערנעהמען
די מאטעריאלען וועגען דעם בוי אין מען האט מיר ארויסגעגע־
בען א פאפיער אונטערשריעבען פין אללע קאמיטעטסמיטגליעדער
לעבענסלענגליך אזיל־פאטער צו בלייבען אין דעם אינסטיטוט וואס

*) דארט האבען זיך געפינען בוימער פין אללערליי פירות אין עס איז געוועהן געסטין פין א־
רוישעס (א מין פעלדמויס וואס איהר גאנצער קערפער איז בעדעקט מיט שטעכענדיגע נאדלען).
איך פלעג מיר מיט זיוא איין אונטערהאלט מאכען.

דא וועט געבויט ווערין. קיין ליאפע האב איך ניט פערלאנגט, ווייל איך בין אויך געוועהן איין אקטיווער מיטגליעד אין אונזער פעראיין אין האב איינגעצאהלט אזוי גיט וויא אנדערע מיטגליעדער. וויא מען האט אנגעפאנגען צי בויען האט ר׳ זוסי ליב גוטמאנן אינטערוועניערט ביים קאמיטעט מען זאלל אנגאזשירען דעם אלטען ראפאלאוויטש אלס אויפזעהער איבער דיא בעלי מלאכות אינ מען האט דאס ריכטיג געטהון אינ איהם דערפאר געצאהלט 40 פר. א חודש. פלעג ער קימען אין דער פריה אינ אוועקגעהן אויף דער נאכט. שפעטער, וויא דיא ערשטע 9 שטיבליך זענין פערטיג געווארען, האט ר׳ זוסי ליב גוטמאן פארגעטראגען מען זאלל דעם ר׳ משה אריינגעהמען. דיא שטיבער זענין אבער נאך ניט געוועהן אראנזשירט מיט בעטין אין בעטצייג, האט מען מיר איהם געהייסען אריינגעהמען צי מיר אין קעך. אם 3 דעצעמבער 1880 האב איך איהם צי מיר אריינגענעהמין, האב איהם געגעבען א בעט מיט שעהן בעטצייג אינ נאכטמאהל אין שבת האט ער בייא מיין טיש געגעססען. איז ער בייא מיר אוועקגעזעססען ביז נאך פסח וועהרענד דער צייט זענין דיא צימער אויסמעבלירט געווארען. האט מען אנגעהויבען צי שמיסען אלטע לייט אריינצינעמין נאר ניט עססען צי געבען. אים מאנאט מאי 1881 האט מען איהם אריינגענעהמען אין דיא נייע שטיבער. א שעהן בעט אבגעגעבען אינ עססען פלעג ער בייא ר׳ זוסי ליב גוטמאן. דער אלטער ראפאלאוויטש איז געוועהן אנ־ארנטליכער מענש. דיא לעטצע 7 יאהר פין זיין עלטער האט ער ציגעבראכט אין אונזער אזיל. זיין נאטור האט אויסגעוויזען צי זיין פין איין עדלער פאמיליע געבוירען. אים יאהר 1886 אם 4 יוני האט משה ראפאלאוויטש געזאללט נהרוג ווערין, האב איך נאך מיט צווייא מענשען איהם פין א געפעהרליכען טוידט גערעטטעט. איז ער נאך דאמאלס געוועהן ביים מענשליכען שכל אז ער האט איין עפפענטליכען דאנק געשריעבען אים היוען נומר 847 פאם 16 אויגוסט 1886.

אינ אזוי איז ער ביז א יאהר פאר זיין טוידט געוועהן א ריינער מענש אין בייא אללע מענשליכע געוויססען. ער האט ניט גערויכט, ניט געשמעקט אינ ניט געקיקט אויף אויגענגלעזער. אנפאנג יאהר 87 אינ ווייטער האט ער פערלוירען דעם רעכטע

שׂכל אין האט שׁוין בעגאנגען קינדערישׁע פעהלער. ער איז אייך שׁוין ניט געוועהן ריין אין דער מענשׁליכער נאטור, דיא כנים האבען איהם אויך ניט ציריה געלאזט, נאר ער איז נאך אלץ ארימגעגאנגען אויף זיינע פיס. ער פלעג נאך אריינגעהן שׁבת אין דער פריה אין שׁוהל אריין אין דאווינען מיט טלית אין תפילין אין אזוי איז ער ארימגע.אנגען עובר ובטל ביז אין לעטצטען טאג פין זיין טוידט.

שׁבת פרשׁת פרה איז ר׳ משה געזעסין ביים טישׁ מיט אללע זקנים אין געגעססען, זינטיג פריה איז ער געפאללען צו בעט אין ביז אויף דער נאכט האט ער דאס לשׁון פערלוירען. אללע 5 מינוט איז ער פיז׳ם בעט אראב אין מעהר ניט געקאנט ציריק ארויף געהן, ער האט זיך מיט דעם טישׁ אין בענקליך געראנגעלט. ביז האלבע נאכט האבען מיר כיט איהם געהאט צו טהון ביז מיר האבען איהם בערוהיגט, נאך האלבע נאכט איז ער געבליעבען ליגען מיט דיא אויגען ציגעמאכט אין עס האט איהם אנגעהויבען צו כארכלען אין האלז, יום שׁני 22 אדר אום 5 אוהר אין דער פריה האט איהם נאך זעהר שׁטארק געבארכעלט אין האלז, בין איך נאך נעבען איהם געזעססען א שׁעה. ביז 6, איז איהם דער לעטצטע אטהעם פערשׁווינדען אין א טויטער קערפער איז פאר מיינע אויגען ליעגען געבליעבען. אויף דעם טוידט פין משה רפאלאוויטש קעננען מיר ניט זאגען אז אס איז געוועהן א שׁוועהרער ביטערער טוידט, אבער א מיתה נשׁיקה איז דאס אויך ניט געוועהן.

26 **העניא לעבאוויטש** (דיא טשיקאוועכע) נפטרה כ״ו אדר תרמ״ח ונקברה יום ראשון כ״ח בו, 28 פעבער 1888, ב״ז שמונים לימי היית.

העניא בת ר׳ יוסף לעבאוויטש (דיא טשיקאוועכע) איז אויפגענעהמען געווארין אין אזיל אים יאהרע 83, זיא איז געוועהן א קרענקליכע פרוי, פלעג תמיד ארימגעהן מיט א שׁטעקען, נאר אין דער מענשׁליכער נאטור איז זיא געוועהן געזינד אין שׁטארק אין האט געגעססען אין געטרינקען וויא א געזינדער מענש מיט דעם אללעם אין זיא געוועהן נאר הויט אין ביין, אין האט אזוי אוועקגעלעבט אים אזיל 5 יאהר. פרייטאג ר״ח טבת נאך לעכט בענשׁען איז זיא צו בעט געפאללען. ביז פרשׁת ויחי פלעג זיא נאך

ציבּ׳סלעך פינ׳ם בעט אראבגעהן אינ שפּעטער האט זיך דיא קרענק געשטארקט אינ זיא איז געשוואלען געווארין, אז זיא האט שוין פינ׳ם בעט ניט געקענט אראבגעהן. דיא טעג אינ דיא נעכט האט זיא פערבראכט מיט יאממערן אין געשריי, דיא גרויסע שמערצען האבען זיא ניט געלאזט רוהען. איהר ויפצען אינ שרייען האט יעדען אלטען מאנן אין פרוי אונרוהיג געמאכט, איבערהויפט דיא אלטע פרוי מעניא וויים וואס איז מיט איהר אין איין שטיב געזעססען. אין אזא געפעהרליכער קרענק איז זיא געלעגען 3 חדשים: טבת, שבט אין אדר. פון שבת פ׳ תרומה ביז דיענסטאג אין דער פריה אום 8 אוהר איז זיא געזעססען מיט דעם קאפּ אראבגעהאנגען אינ האט זיך נישט געקענט לעגען בשום אופן. דאנערסטאג כ״ה אדר איז זיא אראב געפאללען פון איהר בעט אין עס האבען זיך פיער מענשען מיט איהר געהויבען ביז מען האט זיא צוריקגעלעגט אויף איהר געלעגער. פרייטאג כ״ו אדר דרייא שעה פארטאג בין איך אריינגעגאנגען איך זאלל זיא מבקר חולה זיין. האט זיא געבעטען איך זאלל זיא א ביססעל אויפזעצין. איך האב דאס געטהאן, האב זיא אינטערגעשפּארט מיט א פּאאר קישען, האב איהר געמאכט א גלאס ווארם וואססער מיט מילך אינ איהר איינגעגעבען מיט א קאפּעעלעפעלע. זיא האט אבער דאס שוין ניט נעקענט פערנעמין. וויא איך האב זיא נאר צוריקגעלעגט האט איהר באלד אנגעהויבען צו בארבלען אין האלז וויא א שטארקער מאשין אינ עס האט מיט איהר געארביט וויא א מין חולה נופל. אזוי האט זיא זיך געמיטשעט ביז פרייטאג אויף דער נאכט אום 7 אוהר, דאמאלס האט זיך געשייד איהר לעצטער אטהעם פון איהר גוף מיט שווערע אינ ביטטערע יסורים. אינ זיא איז געלעגען אויף איהר בעט ביז מוצאי שבת אין דער אומריינ־ליבקייט. אז דיא חברה־ווייבער האבען זיא אפגעהויבען פינ׳ם בעט איז דאס בעטציינ געוועהן מיט פערגליווערט בלוט וואס האט איהר דורכין האלז געזעטצט, דער האלז איז איהר גאנץ פערשטאפּט געוועהן.

נאך מיינער מיינונג קען מען זא איין טוידט אויך אנרופען אסכרה.

27 **מעניא וו״ב** נפטרה יום שלישי כ״ט ניסן תרמ״ח ונקברה יום רביעי א׳ דראש חדש אייר, 30 מערץ 18‑8 בת שבעים ותשעה לימי חייה.

סוף אדר אז די אלטע פרוי העניא לעבאוויטש האט זיך
אבגעשייד פין דיא לעבענדיגע אינ אונזער אזיל. איז א ביססעל
רוהיג געבליעבען פינ׳ם קרעכצען אינ וויינען פין דיא קראנקע מענ־
שען וואס זענין געשטארבען. דיא רוה האט אבער ניט לאנג גע־
דויערט. באלד נאך ראש חדש ניסן האט זיך אנידערגעלעגט דיא
אלטע פרוי מעניא, וואס איז געזעססען אין איין שט״ב מיט דער
טשיקאוועבע. דיא אלטע מעניא ווייס איז מעהר ניט געלעגען
נאר 4 וואכען. איהר שכל האט זיא ניט פערלוירען אינ מיט יע־
רען שעהן גערעדט. נאר זיא האט אויך בעשטענדיג געוויינט אינ
האט געשריגען אז דיא טשיקאוועבע האט זיא קראנק געמאכט*)
אינ דאס איז טאקע דער ריינער אמת געוועהן, וויל דיא מעניא
איז מיט איהר געזעססען אין איין שט״ב, האט זיא געמוזט דיא
אנדערע בעדיענען אינ זיך מיט איהר מעהרערע מאל געהויבען.
אינ אזוי איז דיא אלטע מעניא געלעגען דעם גאנצען חודש ניסן
צו בעט. יום שני כ״ח ניסן איז זיא שטארק פארשלאפט געווארען,
באנאכט איז זיא פינ׳ם בעט אראב אינ האט געוואללט ארויסלוי־
פען איז זיא צו דער ערד געפאללען, האט מען זיא מיט שוועה־
רער מיה צוריקגעלעגט. יום שלישי כ״ט ניסן אום 5 זוהר אין דער
פריה האב איך זיא גיט בעטראכט. רעדען האט זיא ניט מעהר
געקענט, נאר מיט דיא אויגען האט זיא מיך שטארק אנגעקיקט,
אינ האט מיט זיא אזוי שטארק געפינקעלט ווי א געזונדער מענש.
וויהין איך האב מיך געקעהרט האט זיא מיט דיא אויגען נאכגע־
קיקט. זיא איז געלעגען רוהיג אינ שטילל, עס האט איהר ניט גע־
בארבעלט אין האלז ווי בייא אנדערע. עס האט נאך געדויערט א
שעה, בי 6, איז זיא איינגעשלאפען גאנץ רוהיג. דעם טוידט קען
מען אויך אנריפען „מיתה נשיקה“. זיא איז געלעגען זויבער אינ
ריין ביז אין דער לעטצטער שעה. קיין אומריינער פלעק האט זיך
געפינגען אויף איהר געלעגער, ביז מען האט זיא אבגעהויבען פין
איהר בעט אין געלעגט אויף דער ערד מיט דיא פיסס צו דער טהיר.

*) אין פאלגע דעססען האט הערר יאנאוויטש פארגעלעגט בייא אייגע־ קאמיטעטסזיטצונג אז פיר קראנקע זאלל מען אבזינדערן אין עקסטער שטיבעל אין דער פרעזידענט ד״ר בלומענפעלד האט דאס ניט געוואללט ציגעבען.

28 **באבע זעלדע** נפטרה כ"ב אלול תרמ"ח ונקברה יום המיש' כ"ג. בו בת שבעים ושנים לימי חיה. 18 אויגוסט 1888.

דיא באבא זעלדע איז געוועהן איין אנגענעמינע העבאמע דא אין בוקארעסט אינ איז ניט געוועהן קיין ארמע פרוי, זיא האט געהאט א שעהן ביססעל פערמעגען. אם ענדע איהרעס לעבענס, אז זיא האט געזעהן זיא קאן שוין ניט פארברענגן איהרע עלטער בייא איהרע קינדער, דען זיא האט מיט זייא ניט גיט געלעבט, האט זיא געבויט א שטיבעל אין בתי מחסה לזקנים מיט דער קאנדיציע דארט צו וואהנען ביז נאך איהר אבלעבען אינ דערנאך געהער דאס שטיבעל אויף עולמות צים אזיל. אים חודש חשון האט מען זיא ארייגענעמין אים אזיל אינ האט א גאנציען ווינטער נאך פונקציאנירט אלס בובע. אבער אויפ'ן זוממער איז זיא גאנ'ץ שוואך געווארען אינ איז קיים אויף איהרע פיס ארימגעגאנגען זיא איז געוועהן נאר וויא א סקעלעט אין א מענשענהויט אינ איז מיר פארגעקימטען וויא א ברעט וואס דארויף איז אויפגעזעטצט א מענשענקעפעלע אינ דאס האט געדעד פאר פייער אין פאר וואססער. זיא האט זעהר גוט געקאנט לעזען אינ אין יודישע ביבער אינ ביז אין איהר טוידט אריין איז זיא געוועהן א ריכטיגע לוקסאסע פרוי. איהר פיצען מיט איהר פורערן האט ניט פארפעהלט א יעדען טאג. דיא קרעלין אינ דאס פינגערל האט זיא ניט געלאזט אראבנעהמען ביז נאך איהר טוידט. י"א אלול תרמ"ח איז זיא געפאללען צו בעט אינ מעהר ניט אראבגייזאנגען. איינעע טאגע פאר איהר טוידט האט זיא געוואללט ארימוואנדערן אין שטיב, אזוי וויא איך האב דאס שוין בעמערקט בייא אנדערע קראנקע. זייא וויללען זיך בעהאלטען פאר דעם טוידט — וואהרשיינליך איז דאס איינס פין דיא פערשיעדענע מענשליכע נאטירען. דען נישט בייא אללע קראנקע געשיעהט דאס — אבער דיא בובע זעלדע איז אראבגעפאללען פין איהר בעט אינ האט מעהר ניט געקאנט ארויפגעהן, מען האט זיא שוין געמייזט ארויפלעגען, אינ אזוי איז זיא שוין געלעגען אויף איהר געלעגער ביז אין טוידט אריין. א טאג פאר איהר טוידט האט זיא געזאגט צו דיא קינדער זייא זאללען ברענגן דעם דר. קרעמיניצער מיט נאך צוויא דאקטארען אין מען זאלל מאכען א קאנסיליאום אינ וויא באלד זייא וועלין

דאס ניט טהין וועט זיא זייא רופען צים בית דין של מעלה *).

מיטוואך כ״ב אלול אום 5 אוהר אין דער פריה בין איך אריינגעגאנגען זעהן וואס זיא טהוט. האט זיא זיך אומגעקעהרט צי מיר, האט געעפענט איהרע אויגען אינ געזאגט: איך שטארב. דערנאך האט זיא זיך ווידער אומגעקעהרט צי דער וואנד. זיא האט פין זיך געקניפפען אין געריססען דיא הויט פין איהרע ביינער. איך האב געזעהן אז זיא איז שוין באלד פערטיג, האב איך געשיקט נאך א חברה־יודענע. ארים 6 אוהר האט זיא זיך ווידער אומגעקעהרט צי אונז, איך בין דאביי געשטאנען, דיא חברה יודענע אינ איהרע צוויי טעכטער, האט זיא געעפענט דיא אויגען אינ האט געזאגט: „קינדער לעזט מיך אויס“ אינ דאס זענען געוועהן איהרע לעטצטע דריי ווערטער, זיא האט באין אופן ניט געוואלט שטארבען. זיא איז געוועהן ביים גאנצען שכל האט זיך צוריק אימגעקעהרט אינ עס האט איהר באלד אנגעהויבען צי בארטשען אין האלז אין ביז האלב 8 אין דער פריה איז זיא איינגעשלאפען מיט א שוועהרען טוידט. דעם טוידט קענען מיר ניט אנרופען אסכרה, אבער אויך ניט נשיקה, נאר דאס איז איינע פין דיא אנדערע מיני מיתות וואס דיא תלמודיסטען זאגען.

אין דער מינוט וואס דיא חברה יודענע האט זיא איבערגעדעקט, האב איך געהייסען דער מיטעלסטער טאכטער, מאדאמע ליבטיג, זיא זאלל אראבנעהמען דעם מארזשאן פין איהר רעכטער האנד אין דאס פינגערל פין דער לינקע, וויל ביז אין

*) דיא מיטעלסטע טאכטער איז אוועקגעלאפען רופען דעם דאקטאר. בין איך מיט דער עלטערער טאכטער געבליעבען אין שטיב לעבען איהר בעט, זאגט דיא טאכטער צי מיר: זיא גלויבען הערר פסנהר אז פאר מורא וואס זיא האט געזאגט אז זיא וועט מיך לאדען צים בית דין של מעלה האב איך געשיקט רופען דעם דאקטאר, ניין, איך וויים אז דאס איז מאפט, ווארין איך אליין האב איהר דאס אבגעטהין, פאר א פאאר יאהר איז מיין יונגערע שוועסטער ביי איהר געזעססען, האט זיך דיא מאמע מיט איהר ציקריגט אין האט מיין שוועסטער ארויסגעווארפען אים ווינטער מיט פיער קליינע קינדער, האב איך זייא צי מיר אריינגענעהמען. אבער דיא מאמע האט איהר ניט געוואללט אבגעבען דיא זאכען אין האט אללעס פערהאלטען, האב איך מיך אבגערעדט מיט נאך דריי ווייבער אין מיר האבען זיך אנגעטהין מיט לאנגע ווייסע העמדער אין מיט ווייסע לאלעכער איבער דיא קעפ אין מיר זענען באנאכט געגאנגען צי איהרע פענסטער אין האבען זיא געריפען ביים נאמען אין איהר געזאגט, וויא באלד זיא וועט דער טאכטער ניט אבגעבען דיא זאכען, וועלין זייא קימען מארגען אויף דער נאכט אין וועלין זיא ריפען צים בית דין של מעלה, האט זיך דיא מאמע שטארק דערשראקען אין אז עס איז נאר טאג געווארען איז זיא געלאפען צים רב אין האט איהם ערצעהלט דיא מעשה. האט דער רב געזאגט: גיב אב דיין טאכטער דיא זאכען, ווען ניט וועסטו מיזען געהן צים משפט, אזוי האט זיא אינז געריפען אין האט אינז אבגעגעבען אללע זאכען.

איהר טוירט אריין האט זיא ניט געלא׳ט אראבנעהמען דאס צי־
רינג פין איהרע הענד אין דערמיט איז זיא געשטארבען, אין דער
גרעסטער ריינק׳יט ביז אין דער לעטצטער שעה.

29 רבקה בעריל חזנ׳ס ווייב נפטרה יום ששי ג׳ טבת ונקברה יום ראשון ה׳ טבת שנת תרמ״ט
בת ששים וחמשה לימי חייה (27 נאוועמבער 1888),

רבקה איז געוועהן איינע פין דיא פרימסטע ווייבער אין בור־
קארעסט, אין איינע פין דיא נאהנטסטע פריינדע מיט דער משפחה
צענטלער, לייבליבע געשוועסטער קינדער מיט ר׳ אשר קעניג, מיט
ר׳ מענדעל ביילער, מיט דאווידאוויטשעס קינדער, דיא נאבעל־
סטע פאמיליען פין בוקארעסט. זיא האט געלעבט מיט בעריל
חזן 28 יאהר אין האבען קיינע קינדער געהאט. סף. דומיטרע 88
זענין זייא אויפגענעמין געווארין אין אזיל, נאר זייא האבען חרטה
געהאט אינ האבען זיך ניט געוואללט אריינציעהן. דאס הארץ
האט זייא ניט געצויגען צים אומגליק, דיא פריינד האבען אבער
זעהר שטארק געארביט אינ ר׳ אשר קעניג האט זייא ציגעגעבען
צי דער שטיב דאס קעמערל פין דער שיהל אבי זייא זאללן זיך
אריינציעהן אין דארום האבען זייא פארשפעטיגט דיא צייט. יום
ראשון כ״א כסליו האבען זיי זיך אריינגעצויגען אים אזיל. א־נ־אלט
מענש איז זיא געוועהן, האט זיא זיך א ביססעל אנגעשטרענגט
ביים איבערציעהן אין דאננערסטאג כ״ה כסליו האט זיא א גאנ־
צען טאג געארביט בייא דער מאגאזיע אינ געטראגען ציגעל. א
שוואכע פרוי איז זיא געוועהן, איז זיא געפאללען צי בעט אינ
האט אנגאהויבען צי שרייען ביים הערץ טהיט זיא וועה, זענין זיך
צוזאממענגעקימען דיא אלטע ווייבער פינ׳ם אזיל אין האבען איהר
געלעגט מושטאר אויפ׳ן הערץ אין נאך אנדערע באבסקע מיטעל
וואס האבען גאר ניט געפאסט צי איהר קרענק, אז ביז צוויי בא־
נאכט איז זיא אריינגעפאללען אין א געפעהרליכער קרענק. איהר
זיפצען אינ קרעכצין איז ניט געוועהן צי דערליידען. איך האב דער־
פין ניט געוויסט, ווען איך הער קלאפט ר׳ בעריל ביי מיר אין דער
טהיר אין שרייט מיט א געפעהרליכער שטיממע: „ר׳ יעקב שטעהט
אויף אין קימט אריין, מיין ווייב איז שטארק פערשלאפט געווארין.
איך מיט מיין ווייב זענין אריינגעלאפען אינ מיין ווייב האט זיא
באלד אנגעפאנגען אבצישמירען אינטערן הארץ, האט זיא ערפאה־

רעז אז זיא האט א בראך איז פינ"ם ארבייטען וואס זיא האט א גאנצען טאג געארביט ביי דער מאגאזיע אינ ציגעל געטראגען, האט זיך איהר ארבעגעלאזט דיא וואטעמאטורע, דארום האט זיא געהאט זאלבע שמערצען אין בויך. פון דעם אלטען פעהלער וואס זיא האט געהאט האט זיא זיך געשעהמט אויסציזאגען אינ האט נאר געשריגען זיא האט א קאליקע. מיין וויב האט אבער איהר אלטען הסרון באלד מגלה געוועהן אינ האט געהייסען רופען א בובע מען זאלל זיא וויבעריש אונטערזוכען, אינ דיא אללע מיטלען וואס דיא ווייבער האבען איהר געטהין האבען איהר נאך מעהר שמערצען געבראכט. פרייטאג אין דער פריה האט מען גע־רופען דעם דר בלומענפעלד אינ מען האט איהם ניט געזאגט זיא איז געריהרט פון דער וואטעמאטורא, נאר אז זיא האט א קאר־ליקע, האט ער איהר געגעבען פראשיקעס אינ פון דעם האט זיא אנגעהויבען שטארק צו ברעכען, איז דיא קרענק נאך פערשטטרקט געווארען. שבת פרשת מקץ האט מען גערופען דעם דר. דאווי־דאוויטש, האט ער איהר אויך מיטטעל נעגעבען. זאנטאג כ"ח כסליו האט מען גערופען דעם דר. שאכמאנן. וויא ער האט זיא נאר אונטערזוכט האט ער ערקלעהרט אז דיא קישקעס זענען איהר איבערגעקעהרט געווארין אינ מען מיז איהר איינע אפעראציאן מאַ־כען. אין דעם טאג אבענד איז געקימען דר. דאווידאוויטש אינ דר. סאלטער, האבען קאנסטאטירט איהר קרענק אינ איהר גע־הייסען מאכעןווארמע ביטלעך אינ ווארמע קריסטירען. מען האט דאס געטהין אבער עס האט איהר וועניג וואס געהאלפען, דאס ביססעל וואס זיא האט גענאססען האט זיא דארכין מויל צוריק־געגעבען. מאנטאג האט ר' בערל געבראכט דיא בובע עלקע וואס האט איהר געמאכט אין דעם טאג דרייא קריסטירהן, דיענסטאג איז אויך געקימען דיא בובע אינ האט איהר געמאכט קריסטי־רינג, אינ צים לעטצט איז געקימען דיא בובע שלאמצע אינ האט איהר אויך געמאכט ,קריסטירען. מען האט איהר אזוי פיעל קריס־טירען געמאכט אז דאס וואססער האט איהר בויך צוטראגען. יום חמישי ב' טבת בין איך אריינגעקיממען, זאגט זיא צו מיר: ר' יעקב וואס זאלל איך טהון, איך וועל עס ניט אויסהאלטען, עס צוטראגט מיר מיין בויך, וואס איז צו טהין? דאס איז געוועהן א

טאג פאר איהר טוידט. זיא איז געוועהן בייא איהר גאנצען שכל. פרייטאג נאכמיטטאג בין איך ארייננעקימען זיא צו בעטראכטען, איז זיא געלעגען מיט דיא אויגען אפפען, נאר זיא האט שוין ניט געריעדט אין פין איהר בויך האט מען געהערט א גרויסען לערם עס האט איהר געזאטטען אין דיא קישקעס וויא אין א קעססיל. איך בין ציגעגאנגען צו איהר, האט ר' בערל געזאגט: וועקט זיא ניט אויף זיא שלאפט. איך האב אבער געזעהן וויא דיא טרעהרין שטעללען זיך איהר אין דיא אויגען אונ האט נאך איינינע פינקעל געגעבען מיט זייא אונ ביז 5 נאכמיטטאג איז זיא איינגעשלאפען שטילל אונד רוהיג, עס האט איהר ניט געבארטשעט אין האלז וויא ביי אנדערע. אבער אזא קרענק האט זיך אויך ניט געטראפען בייא אונז אים איל, ווען מען האט זיא ארויסגעפיהרט אויף דעם פעלד, האט זיך דאס וואססער פין איהר ארויסגעשיט אובין ארים אונ הינטען ארים. דאס איז אויך איינע פין דיא שוועהרע מיתות וואס קוועהלט דעם זינדיגען מענשען ביז ער ווערט פריי פין דער לעבענדיגער וועלט.

30 יעקב ליב מארקוס (זיידעלע) נפטר מיטוואך באנאכט 11 אוהר 7 שבט ונקבר יום שש 9 שבט תרמ"ט 30 דעצעמבער 1888) בן ששים ושמונה לימי חייו

יעקב ליב מארקוס (זיידעלע). א שניידער פין פראפעסיאן, איז געוועהן קליין פין סטאטור אונ א קראנקער מענש: ער האט בעשטענדיג געהיסט אונ איז געוועהן נצרותדיג, תמיד האט ער געיעמין אבפיהרמיטטעל אונ דערפאר איז ער ארימגעגאנגען נאר קרעכצענדיג. שכל האט ער געהאט ביז אין דער לעטצטער שעה, אונ האט זיך תמיד אלליין בעדיענט. אז ער איז געוועהן בקו הבריאה פלעג ער זיך אבגעבען מיט ברויד אויסטהיילען פאר דיא אנדערע זקנים איעדען זיין פארציאן

אין חדש טבת האט איהם דיא קרענק שטארק צוגעטרעטען איז ער שוין וועניגער ארויסגעגאנגען אונ איז אין שטיב ארימגעגאנגען, דעם קאפ צוגעבינען. ער האט זיך בעקלאגט דער קאפ טהוט איהם וועה אונ עס שפארט איהם אינטערן הערץ, איך אונ מיין ווייב פלעגען ארייננעהן אין טהון וואס מיר האבען געקענט. מיין ווייב האט איהם געשמירט אונטערן הארץ אונ דער קאבער מיט טשיא איז געשטאנען אויפן טיש אונ מיט ספירט האט ער

זיך איהם אלליין געמאכט. אזוי איז ער ארימגעגאנגען קרעבצענ־דיג אין וויקען זיך אין קיין גרייצער האט ער ניט געהאט ער זאל נעהמען דעם רעצעפט וואס דר. בלומענפעלד האט איהם פער־שריעבען, האט ער זיך געמיזט לייען צוויי פראנק, דער עלטערער זיהן פון פיטעשט האט איהם געשיקט צעהן פראנק האט ער באלד אבגעגעבען דיא צוויי פראנק ער האט אבער שוין קיין צייט גע־האט דעם רעצעפט צו נעמען. ווייל ז׳ שבט מיטוואך באנאכט ארים 11 אוהר איז ער געשטארבען מיט א מיתה פתאומיות (אפאפלעקסיע).

אין דיא מיתה פון דעם מענשען איז געוועהן אויף דער ארט וויא מיר וועלין דא בעשרייבען:

מיטוואך ז׳ שבט האט מען פאר דיא מענשען קיין פלייש געקאכט, נאר בארשט מיט קארטאפעל, אין פאר דעם קראנקען האט מען עקסטער געקאכט א זאפען פון פלייש. פאר נאכט האט ער דיא זאפען געגעססען, האט זיך געמאכט א טשייא אויף ספירט אין געטרינקען א ביססעל טשיי אין האט זיך געלעגט אויף זיין בעט. אין דער שטיב זענען נאך געזעססען צווייא מענשען, ר׳ בעריל חזן אין הזקן ר׳ לוי פאסאמאניג. דיא צווייא מענשען האד־בען זיך אויך געלעגט שלאפען אין האבען דעם לאמפ אויסגע־לאשען. ארים צעהן באנאכט איז דער קראנקער אויפגעשטאנען, איז אראבגעגאנגען פונ׳ם בעט אין געוואללט ציגעהן צו דער סאבע וויא עס איז געשטאנען א בענקעל מיט א שיססעל וואס ער פלעג אין איהר אריינשפייען דא נעבין בענקעל איז ער געפאללען צו דער ערד מיט דיא פיס צו דער סאבע אין מיט דעם קאפ צו דער מיט שטיב אין האט שוין מעהר קיין קרעבץ געגעבען, דער אלטער ר׳ לוי פאסאמאניג האט געהערט דעם קלאפ ווען ער איז גיפאללען, נאר ער האט געמיינט דיא שפיי־שיסעל איז אראבגע־פאללען פונ׳ם בענקעל, האט ער זיך ניט געוואללט ריהרען פונ׳ם געלעגער. שפעטער מיט איינגע מינוט האט ער זיך בעדענקט ער ווילל זעהן וואס איז אראבגעפאללען. האט ער אנגעצינדען א לעכט. וויא ער האט געזעהן דעם קראנקען אויף דער ערד ליגען אהנע אטהעם, האט ער אויפגעוועקט ר׳ בעריל חזן צו לעגען א האנד אויף דעם קראנקען, האבען זייא ביידע מורא געהאט. נאר ר׳

בעריל אין באלד געלויפען צו מיר מיט א גרויסען שטארם: ר׳ יעקב קימט אריין דער קראנקע איז אראבגעפאללען איך בין באלד ארייננעלאפען — אהן תחתונים אינ בארוויס דען איך האב קיינע צייט געהאט מיך אנציטהין — אינ האב איהם געפיננען אויסגעשטרעקט אינ שוין האלב פערקיעלט אינ מיט דיא אויגען אפען. עס איז געוועהן האלב צוועלף דער זייגער. איך האב איהם געריעבען דיא הענד אינ האב געזעהן ער איז שוין טוידט. האב איך איהם אונטער דיא ארעם גענעהמין, נאר ער איז געוועהן שוועהר וויא בליי, האט מען מיר געמיוט העלפען אינ איך האב איהם אויף זיין בעט געלעגט. ערשט דענסטמאל האט מען אוועקגעשיקט נאך דיא חברה־שמשים.

לויט א נוערע חכמים בעהויפטען איז דער מענש געשטארבען מיט מיתה נשיקה וואס דאס הייסט ביי זייא מיתה פתאומית (אפאפלעקסיא).

81 זיסעל ראפאפארט נפטרה יום שני ט׳ תמוז תרמ״ט ונקברה יום שלישי בו. בת שבעים ושמונה לימי חייה (27 יוני 1889):

זיסעל ראפאפארט איז געוועהן פין א שעהנער משפחה. זיא האט מגדל געוועהן קינדער אינ קינדסקינדער ביז אין דריטטען דור. אז זיא איז ארייננעקוממען אין איהר טיעפער עלטער ביז איבער דיא זיבציג יאהר, האבען זיא איהרע קינדער אריינגעגעבען אין אזיל אינ דארט האט זיא איהרע פאאר יאהרען מיט דיע זקנות פינ׳ם אזיל שעהן צוגעבראכט. ארימגיהן אין דרויסען האט זיא נ׳ט געקענט אינ איז שוין מייסטענס צו בעט געלעגען איהרע קינדער פלעגען אללע מאל קוממען אינ זיא אונטערשטיטצען מיט וואס איהר הערץ האט פערלאנגט. זיא האט שוין גאנץ וועניג גענעסאינ איז געבליעבען גאנץ דאר, זיא האט אויף זיך ניט געהאט קיין דרעם פלייש, נאר איהרע הוילע ביינער זענין געוועהן איינגעהילט אין א מענשענ־הויט איהר קערפער איז געוועהן א מעטער דיא גרייס. אין אנפאנג חודש תמוז איז זיא קראנק געווארין אויף א קאליקע. אראבגעהן פינ׳ם בעט האט זיא ניט געקענט. דאס אבווייבען האט איהר מאררערעפסירט דאס ווייסע געלעגער, נאר דיא קינדערלעך האבען זיא בעדיענט אינ אין דער ריינקייט געהאלטען. יום שלישי ג׳ תמוז האט זיך דאס אבווייבען אויף איהר

געשטערקט איז זיא געלעגען מעהר טוידט וויא לעבעדיג. האט
אללע מאל געעפפענט דיא אויגען, א יעדען אנגעקיקט אינ גע־
רעד קליגע רייד. טרויריג איז געוועהן ציציזעהן וויא דער שרעק־
ליכער טוידט מיטשעט דעם שוואכען מענשליכען קערפער. מיר
האבען ציגעזעהן אזא טוידט וואס עס איז אונמעגליך צי בעשריי־
בען. 6 טאג מיט 6 נעכט האט דער מערדערליכער טיידט זיין
ראללע געשפיעלט מיט דעם אונגליקליכען קערפער. איך מיין אז
אזא טוידט איז נאך שוועהרער וויא דער טוידט וואס דיא גמרא רופט
איהם אסכרה. ביז אין איהר טוידט זענין איהר דיא אויגען ניט
טינקעל געווארען אינ האט ניט פערלוירען דאס געהער. איינגע
שטונדען פאר איהר טוידט האט זיא מיר געזאגט דיא פאאר ווער־
טער מיט א שטילל קול: „ביז וויא לאנג נאך וועט מיך דער
ביטטערער טוידט אזוי שטארק מיטשען“. זינטיג פארנאכט האט
זיא דיא ווערטער געזאגט אין מאנטאג 1 נאך מיטאג איז זיא פריי
געווארין פין דעם גזלן מיט זיין האק אינ דער קערפער איז גע־
בליעבען ליעגען אהנע זיך צו בעוועגען.

32 ר׳ יצחק פיקעווער נפטר יום שבת קודש ד׳ אלול תרמ״ט ונקבר יום ראשון ה׳ בו 20
אויגוסט 1889 בן שמונים לימי חייו.

ר׳ איציק פיקעווער איז געוועהן פין דיא ערשטע מענשען
וואס מען האט אויפגענעמין אים אזיל אים יאהרע 80. ער איז
דאמאלס שוין געוועהן א מענש פין א יאהר 70 פין מיר בערע־
כענט, אינ איז נאך געוועהן א קרעפטיגער מענש, נאר טוב וויא
א האלץ ער איז געוועהן א מאלער אינ אנשטרייבער, פלעג ער
נאך געהן ארבייטען דיא מלאכה אינ זיך שעהן פערדיענען זיין
גרייצער. ער איז זיך תמיד געגאנגען שעהן געקליידעט אינ איז
געוועהן דער ריינסטער מענש אינטער דיא אלטע לייט, אינ אזוי
האט ער ציגעבראכט ביז אין זיין טיעפער עלטער. אים יאהרע 88
איז ער שוואך געווארין אויף דיא פיס אינ האט דיא מלאכה שוין
ניט געקענט בעניטצען, פלעגען איהם זיינע ארמע קינדער אונטער־
שטיטצען. האט ער שוין זיין טיעפע עלטער מיט שווירגקייט צור
געבראכט. טאג אין נאכט האט ער געמיזט מיט וואַרמע ציעגעל
זיין בויך ארימלעגען. סוף יאהר 89 האט איהם זיין טיעפע עלטער
ציגעריקט אז ער איז קוים אויף דיא פיס ארימגעגאנגען. יום שני

ט"ו אב תרמ"ט איז ער צו בעט געפאללען אינ ניט מעהר גע־ קעננט אראבגעהן. מיטוואך באנאכט איז ער פינ'ם בעט אראבגע־ פאללען אינ מיט שוועהרער מיה האבען מיר איהם צוריק ארויפ־ געלעגט. ער האט ניט געגעססען, נאר א ביססעל טשיי אדער ליי־ מאנאדע געטרינקען. ער איז געלעגען אינ דיא הויט איז איהם אבגעקראבען פין זיינע ביינער. זיין קערפער איז געוועהן מיט וואונדען בעדעקט אין אויסגעדארט. ער האט פארגעשטעלעט א סקעלעט איבערגעצויגען מיט א מענשענהויט. דער טוידט האט איהם גע־ מיטשעט אהן רחמנות. ער איז געלעגען זויבער אינ ריין ביז אין דער לעצטער שעה. זיינע ארמע קינדער האבען איהם ארדענטליך אינ שעהן בעדיענט ביז צום גראבען. שבת מיטטאג איז איהם זיין לעטצט ביססעל אטהעם אויסגעגאנגען. עס האט איהם נישט געחארטשעט אין האלז אין נישט געבארטשיט אין בויך, נאר נשיקה קענגען מיר אזא מין טוידט אויך ניט נעננען, ווייל דער מענש האט געליטטען גרויסע שמערצען פאר זיין טוידט אין אזא ביט־ טערע קרענק, אז דער צושוויער האט געמעגט האבען א הערץ פין מארמאר האט ער אויך געמיזט וויינען.

33 **יעקב בן אברהם סג"ל ווארשאנצאף** נפטר יום ראשון י"א תשרי שנת הר"ן ונקבר י"ב בו 25 סעפטעמבער 1889 בן ששים ושש לימי חייו,

יעקב ווארשאנצאף האט זיך גינעהרט פין גענז שטאפען אין מיט דעם גישעפט האט ער זיך ערווארבען איין ביסעלע פארמעגען. אין דעם יאהר 89 איז זיין ווייב געשטארבען אינ ער איז גיבליבען איינער אליין, קיין קינדער האבען זייא ניט געהאט אינ ער איז גיוועהן אביסעל קרענקליך אויך וויא א ראמלאזשיא, האט ער זיך אוים גיגלייכט מיט דיא איפיטראפען פין דעם אזיעל אין האט זייא גיגעבין 100 רענדליך אין מען האט איהם אריין גינעמין אין אזיעל. ער האט נאך גיגעבין אביסעל קיפער אין דעם איזעל אריין, איין זייגעריל, איינינע נאפאלעאן האט ער גיגעבען צו בא האלטען אין דער אזיעל קאסע ער זאל האבען אויף זיינע בייא הוצאות בא זיין לעבען.

אין ערשטען מארטיא 1889 איז ער אריין אין איזעל אינ דעם 3 סעפטעמבער איז ער גיפאלען צו בעט קראנק, עס איז איהם ארויס דיא בני מעיים, דעמאלס האט מען פאר רעכט דיא שטי־

בער איז ער גילעגען אין סאלע, אינ זייער קאלטע רעגענס האבען דעמאלס אנגעפאנגען, האט ער זיך שטארק פאר קעלטעט איז ער אריין אין איין שטארקער קרענק, דיא פיס זענין איהם גילעהמט גיווארען. ביז ראש השנה האט ער נאך גיקענט אראפ געהין פין דעם בעט אינ אביסעל איבער געהין דיא שטיב, אין מעהר איז ער פין דעם בעט ניט אראפ גיגאנגען. גיגעסען האט ער גאר ניט נאר אביסעל וואסער אדער אביסעל טשייא געטרינקען. יום ראשון י״א תשרי האט ער אהן גיהויבען ארויף צי ברענגען איין מין ליחה וויא שווארץ בליט (מרה שחורה) עס איז גיוועהן איין מורא איהם אן צי זעהין, וויא ער האט זיך מיט דעם בליט אוים געשמירט דאס מויעל אינ דיא נאז אינ דיא ווענד, דאס גישוויליכץ איז איהם צי גיטרעטען צים הארץ. זיין קרעכצין אינ שרייען טאג אין נאכט איז גיוועהין שרעקליך צום הערין. יום ראשון ארום 4 נאכמיטאג האט ער נאך גיזאגט דיא ווערטער שמע ישראל רחם נא, אינ ארום 10 באנאכט האט איהם אהין גיהויבין צי חארטשין אין האלז עס האט איהם גיזאטען אין האלז וויא אין אקעסיל אין ארום 2 באנאכט האט איהם דער טויט בא פרייעט. דיא הויפט קרענק זיינע איז גיוועהן חולי מעיים.

איך גלויבע דאס דיא קרענק פין חולי מעיים וואס דער מענש האט גיליטען איז נאך ערגער וויא דיא קרענק אסכרה. 22 טאג איז דער מענש גילעגען אין גרויסע שמערצען ביז דער טויט האט איהם בעפרייעט פין דער מערדערליכער קרענק.

מושל מקשיב על דבר שקר כל משרתיו רשעים (משלי כ״ט)

נעקראלאג פין א יונג ביימעלע וואס עס האט ערשט צוויי מאל פירות געבראכט אויף דער וועלט אין איז ביז אין 5 טען יאהר פין זיין לעבען אינטערגעהאקט געווארין, ניט א מאל צי דערקענגען דאס ארט וויא עס געוואקסען האט.

אין 84 האב איך געפלאנצט א קאיוסען ביימעלע בא דיא פענסטער אין ווינקעל נעבען דעם בראדענע ביימעלע. איך האב דאס ביימעלע אללע האלבע יאהר באשניטטען אין בעפיצט אז ביז אים יאהרע 88 האט דאס שוין פריכטע געבראכט אינ אים יאהרע 89 האט עס נאך מעהר פריכטע גגעבען. עס איז געוועהן א פריידע צי זעהן וויא דיא פירות בליהן ביים פענסטער.

יום ראשון דעם צווייטען טאג חול המועד סכות תר״ן אום

5 אוהר אין דער פריה דערזעה איך ווי א דער דיענער האקט דאס ביימעלע. האט עס מיך זעהר שטארק אינטערעססירט. בין איך צוגעלאפען אונ האב געבעטען דעם גוי ער זאלל ווארטען א שעה ביז הר׳ גדליה ברייער וועט קוממען דאווענען, וועל איך בעטען ער זאלל מיך לאזען איך זאלל דאס ביימעלע ארויסנעהמען אונ עס איבערזעצען אינ קליינעם גערטענדעל נעבען דער שוהל. דער דיענער האט מיך ניט געוואללט פאלגען אונ דווקא געוואללט ווייטער האקען, האב איך ארימגעהאפט דאס ביימעלע מיט ביידע הענד און מיין קאפף דארויף געלעגט און געזאגט: האק מיר פריהר אב דעם קאפ דערנאך וועסטו דאס ביימעלע אויסהאקען צו דעם לערם זענען ארויסגעקוממען אללע אלטע לייט מיט דעם פראוויזארישען עקאנאם שלמה בויך ארער בעלפער, וואס מען האט איהם ערשט אויפגענעמין פאר מצוה אין אזיל. אזוי האב איך געזאגט דיא פאריגע ווערטער, אז מען זאלל ווארטען מיטין האקען ביז ברייער וועט קוממען, האט דער בעלפער א געשריי געגעבען צים דיענער: יא־ל דע קאפ שי טרינטעשטע־ל שי דע־ר אפארע דין קורטע. דאס הייסט. נעם איהם ביים קאפ, גיב איהם אויף דער הוצאה אונ ווארף איהם ארויס פינ׳ם הויף. דער גוי איז אבער געוועהן ביים גאנצען שכל אונ האט דאס ניט געטהון, נאר ער האט אנגעהאפט דאס ביימעלע ביי דיא צווייגען אונ האט עס איבערגעבראכען. אין דער מינוט איז פערניכטעט געווארען א יונג ביימעלע וואס האט ערשט צוויי מאל פריכטע געבראכט אויף דער וועלט. ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אונ גדליה ברייער האבען פערגעססען אז א יוד טאר ניט אויסהאקען אזא בוים וואס ברענגט פריכטע אויף דער וועלט. אזוי זאגט אונזער הייליגע תורה: לא תשחית את עצה כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות (דברים כ׳). דאס זעלבע ביימעלע האבען זייא געוואללט פערניכטען נאך מיט א יאהר ציפאר, ווייל אין דעם גרינדונגסטאג פין יאהר 88, ביי איין טאאסט. האב איך געזאגט: כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה דיא שטיינער פין דיא וועגד אונ דיא צווייגעלעך פין מיין ביימעלע וועלין עדות זאגען אויף מיין פלאגע וואס איך האב מיך געפלאגט וועגען דעם אזיל. דאס האב איך פובליצירט אינ׳ם היועץ אונ דאר־פיר האבען זייא געוואללט דאס ביימעלע אויסהאקען. זייא האבען

געפֿינגען א תירוץ אז דאסביימעלע שאדעט דער וואנד און דאס בראדענע ביימעלע קען אויך ניט וואקסען דורך דעם קאויפֿינג־ביימעלע. האב איך געבעטען מען זאלל עס איבערזעטצען אין דעם קליינעם גארטען וואס איז נעבען דער שיהל און ביי דיע רייד בין איך געבליעבען. דעם צווייטען טאג חוה"מ סכות האבען זייא ערפיללט זייער וואונש און אונטערגעהאקט דאס שעהנע פרוכט־ביימעלע. יעטצט האט שוין ניט ווער עדות צו זאגען, נאר אן די א שטיינער פֿין דעם אזיל האבען זייא פערגעססען, יעטצט דארפען זייא פערניכטען דאס אזיל און אוועקווארפען דיא שטיינער, דאמאלס וועלין שוין קיין עדות ניט זיין.

מיט דעם ביימעלע ווערד געשלאססען אינזער נעקראלאגיע, דאס הייסט דיא בעשרייבונג פֿין א יעדען טוידטען וואס זענין געשטארבען אים אזיל זייט עס איז געגרינדעט געווארען ביז אים יאהרע 90.

---

דאס זענין דיא נעמען פֿין דיא אלטע וואס זענען ארויסגעצויגען פֿין דעם אזיל: בעי משולם (שפאניאלין), אברהם יצחק הארוויטץ, אהרון שור (שאר), חנציע גרינבערג, חיה ראזענטהאל אונד יצחק כהן טישלער.

אנמערקונג: גראדע ביים שלוסס פֿין דעם זאטץ איז נפטר געווארען אין אזיל האשה שיינא ריבא כהנעסקו, היום יום ג׳ כ״ה חשון תר״ן לפ״ק. מיר האבען דא קיין פלאטץ מעהר א סקיצע פֿין איהרער ביאגראפיע צו געבען אין דיא ארט פֿין איהר טוידט צו בעשרייבען, אבער וואהרשיינליך וועט אין „היועץ“ עטוואס איבער איהר געשריעבען ווערדען, זיא וואר דיא שוועסטער פֿין דעם רעדאקטער „מהיועץ“ הר׳ מיכל עזיאל נ״י.

ענדע דער ערסטען אבטהיילונג